STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06032

DER OYFSHTAND FUN DI SOTSYALISTEN IN ESTRAYKH

Otto Bauer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָטאָ באַוער

דער אויפשטאַנד פון די סאָציאַליסטען אין עסטרייך

מיט א פאָרוואָרט

פון

ה. ראָגאָף

דער גאַנצער פראָפיט פון דער בראָשורע געהט צום הילפס-פאָנד פאר די עסטרייכישע קרבנות.

פרייז 25 סענט

ארויסגעגעבען פון

אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד

ליבער, מיר האָבען געשלאָסען...

אָה, ליבער, מיר האָבען געשלאָסען
אויף לעבען און טויט א פאַרבאַנד
מיר שטעהען אין שלאַכט, ווי גענאָסען,
די פאָהנע, די רויטע אין האַנד.

און טרעפט דיך א קויל, מיין געטרייער,
א קויל פון דעם שונא, דעם הונט.
איך נעם דיר ארויס גלייך פון פייער,
און הייל דיר מיט קושען דיין וואונד.

און ביזטו געפאַלען א טויטער
די אויגען, די ליבע פאַרמאַכט,
איך וויקעל דיר איין אין דער פאָהנע דער רויטער
און פאַל מיט דיר אין דער בלוטיגער שלאַכט.

מ. סאָרעריוועס

Copyright 1934
BY
Jewish Socialist Verband
New York, N. Y.

234 ORIOM PRESS INC. 42 W. 18 ST., N. Y.

פאָרוואָרט

די בראָשורע פון אָטאָ באַוער וועט פאַרבלייבן א קלאַסישע ווערק אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דאָס איז ניט א פובליציסטישע באלייכטונג פון א פּאָליטישען עפּיזאָד אין איינעם פון די קליינע לענדער אין אייראָפּא, נאָר א וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונג פון א היסטאָרישע פּאַסירונג אין דעם אַלוועלטליכען קאַמף פאַר א סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

די בלוטיגע פיער טעג אין מאָנאַט פעברואַר, 1934, זיינען געווען דער קלימאַקס פון א דראַמאַ וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען צו שפּילען אין עסטרייך מיט איבער א יאָהר בעפאָר. די גרויסע וועלט, וועלכע האָט מיט פאַרכאַפּטען אָטעם נאָכגעפאָלגט יעדע קלענסטע פּאַסירונג, יעדע איינציגע באוועגונג אין די פיער שטורמדיגע טעג, האָט געוואוסט זעהר ווייניג פון דעם וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט פריהער, פון די אלע געשעהענישען און קאָנפליקטען וואָס האָבען אין פארלויף פון לאַנגע מאָנאַטען דערפיהרט דאס לאַנד צום בלוטיגען צוזאַמענשטויס. די אונוויסענהייט פון עולם איז אויסגענוצט געוואָרען פון די סאָציאַליסטישע שונאים פון ביידע לאַגערען, אי פון די פּאַשיסטען, אי פון די קאָמוניסטען. די פּאַשיסטען האָבען דערצעהלט דער וועלט, אז די סאָציאלסטישע פיהרער האָבען מיט געוואלד געטריבען די ארבייטער מאסען צום אויפשטאנד און אז זייער ציעל איז געווען ארויפצוצווינגען אויפ'ן לאַנד א קאָמוניסטישע דיקטאַטור. די קאָמוניסטען ווידער האָבען דערצעהלט זייערע נאָכפאָלגער, אז די סאָציאַליסטישע פיהרער האָבען צוריקגעהאַלטען די ארבייטער מאַסען וואָס האָבען זיך געריסען צו א רעוואָלוציע און צום קאָמוניזם.

עס פאַרשטעהט זיך, אז ביידע באַשולדיגונגען זיינען בלבולים, פאברי־צירט צו דיסקרעדיטירען די סאָציאליסטען. אום דאָס צו באווייזען, דאָס פעסטצושטעלען איז נויטיג צו וויסען די אמת'ע פאקטען פון דעם צוויי יאָהריגען קאַמף צווישען די סאָציאליסטען און זייערע פּאָליטישע געגנער, עס איז אויך נויטיג צו וויסען די איינצעלהייטען פון דעם וואָס אין די קריטישע מינוטען ווען דער אויפשטאנד האָט גענומען אויסברעכען, האָט זיך אָבגעטאָן הינטער די קוליסען, אין די געהיימע בעראַטונגס־צימערען פון די סאָציאליסטישע פיהרער.

וועגען די אלע זאַכען דערצעהלט אָטאָ באוער אין די ערשטע טיילען פון דער בראָשורע. א סך פון די איינצעלהייטען וועלען זיין ניי אפילו פאַר די וואָס האָבען אין פארלויף פון יאָהרען פאָרזיכטיג נאָכגעפאָלגט די פּאָליטישע געשעהענישען אין עסטרייך און האָבען זייער אינפאָרמאַציע געשעפּט פון דער עסטרייכישער פרעסע גופא. ניט אלע צוגען אין דעם שאַך־שפּיל צווישען די פּאָליטישע פּארטייען איז מעגליך געווען צו פאַרעפענטליכען. איבערהויפּט איז עס געווען דער פאַל אין די לעצטע קריטישע וואָכען, ווען יעדער צד האָט געמוזט האַנדלען אין דער שטרענגסטער געהיימניס און מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט.

אָטאָ באַוער ערקלעהרט די אלע פאַרשידענע כוחות וואָס האָבען גע־ווירקט מיטצוברייינגען די טראַגעדיע. עס זיינען געווען עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרען פון לאַנד גופא און עס זיינען אויך געווען עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרען פון אויסלאַנד. עס האָבען געשפּילט זייערע ראָלען די קאַטוילישע קירכע, די פּויערים קלאַסען, די מיטעל־קלאַסען, די ארבייטסלאָזע גרופּען. און עס האָבען אויך געשפּילט זייערע ראָלען די היטלעריסטישע דייטשלאַנד, די פּאַשיסטישע איטאַליען און דער גאַנ־צער פּלאָנטער פון די אלע פּאָליטישע אינטריגעס פון די לענדער אין

— 4 —

צענטראַל אייראָפּא און אויף די באַלקאַנען. עס האָט זיך געשאפען אַזאַ לאַגע, אַז די סאָציאליסטישע אָרגאַניזאַציע און דער סאָציאליסטישער איינפלוס און מאַכט זיינען געוואָרען דער פעלז אויף וועלכען די אלע כוואליעס פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רויב־אַפּעטיטען האָבען זיך אָנגעשלאָגען. די סאָציאליסטען זיינען געשטאַנען אין וועג די אלע אינערליכע און אויסערליכע אינטריגאַנטען, די אלע אינערליכע און אויסערליכע זעלבסטנוץ־זוכער. דער געשריי, אז די סאָציאליסטישע מאַכט מוז געבראָכען ווערען איז געקומען פון די קאַטוילישע גלחים, פון די ביזנעסלייט און לענדלאָרדס, פון די לאנד באזיצער, פון מוסאָליני'ן, פון גרויס־קאפּיטאל, פון די פאשיסטען, פון אלע וואָס האָבען געהאַט א שטיקעל מאַכט און א שטיקעל דעה אין דער פּאָליטיק און אין דער דיפּלאָמאַטי וואָס די רעגירונג פון עסטרייך האָט אין די לעצטע פּאָר יאָר געפיהרט.

וועגען דעם אלעם דערצעהלט אָטאָ באַוער אין זיין בראָשורע. ער גיט איבער די אלע וויכטיגע פּאַסירונגען אין דער פּאָליטיק פון עסטרייך, וואָס זיינען געקומען דורך דעם איינפלוס וואָס די אלע כוחות האָבען אויסגעאיבט. ער שילדערט יעדען טריט וואָס איז פון דער רעגירונג גענומען געוואָרען, ווער עס איז פאַר דעם געווען פאַראַנטוואָרטליך און ווי אזוי דאָס האָט געמוזט פיהרען צום נעקסטען שריט. ער שילדערט דעם גאַנצען אונפארמיידליכען גאַנג, דעם גאַנצען מאַרשרוט ביז דער בלוטיגער קאַטאַסטראָפע.

און דאַן קומט אָטאָ באַוער צום צווייטען פונקט פון זיין בראָשורע; דער פונקט וועגען דעם צי די סאָציאליסטען האָבען געוואָלט און געקענט מאַכען א באַוואַפענטען אויפשטאַנד געגען דאָלפוס'ן. באַוער ענטפערט אויף ביידע פראגען „ניין“. די סאָציאליסטען האָבען געטאָן אלעם מעגליכעס א באַוואַפענטען קאַמף אויסצומיידען. זיי האָבען נאָכגעגעבען און נאָכגעגעבען. זיי האָבען אָנגעבאָטען אלערליי קאָמפּראָמיסען. זיי האָבען זיך אפילו געווענדעט צו אלטע שונאים, צו אלטע געגנער זיך מיט זיי צו פאראייניגען. און געטאָן האָבען זיי אָט די אלע זאכען, ווייל זיי האָבען געוואוסט אז זיי זיינען צו שוואַך, אז זיי וועלען אין אן אָפענעם קאַמף מוזען פאַרלירען.

און אויף דעם גיט אויך באַוער פאַקטען זיין באַהויפּטונג צו באַפעסטיגען. ער רעדט וועגען דער לאַגע פון די יוניאָנס, אויף ווי וויט זייערע כוחות זיינען אָבגעשוואכט געוואָרען אין פארלויף פון די לעצטע יאָהרען; ער רעדט וועגען דער שרעקליכער ארבייטסלאָזיגקייט און די דעמאָראַליזאציע וואָס דאָס האָט אריינגעטראָגען אין די רייהען פון די ארבייטער מאסען, אפילו צווישען יענע ארבייטער וועלכע האָבען געהאט דזשאבס. ער רעדט אויך וועגען דער פיזישער אָדער בעסער געזאָגט מיליטערישער מאכט פון די ארבייטער, ווי נישטיג זי איז געווען אין פארגלייך מיט דער מיליטערישער מאַכט פון דער רעגירונג.

די סאָציאַליסטישע פיהרער האָבען אלעס געטאָן דעם אָפענעם צוזאמענשטויס אויסצומיידען, ווייל זיי האָבען געוואוסט צו וואָס דאָס וועט פיהרען, צו וואָס דאָס וועט מוזען פיהרען. און טאקע דערפאַר וואָס זיי האָבען אזוי קלאָהר אָבגעשאַצט די לאַגע פאַרדינען די סאָציאַליסטישע פיהרער און די סאָציאַליסטישע מאסען נאָך גרעסערע באַוואונדערונג און גרעסערע באגייסטערונג פאר די העלדישקייט וואָס זיי האָבען ארויסגעוויזען אין די בלוטיגע טעג. זיי האָבען באַשלאָסען דעם אויפשטאַנד צו מאַכען, וויסענדיג אז זיי מוזען פאַרלירען. זיי האָבען באַשלאָסען דאָס צו טאָן, ווייל זיי האָבען געהאט צופיעל שטאָלץ, ווייל זיי האָבען געהאט צופיעל קאַמפלוסטיגקייט, צופיעל גלויבען און טרייהייט צו זייער אידעאל, אז זיי זאָלען ביי זיך קענען פועל'ן זיך אליין אונטערצוגעבען, זיך אליין צוריקצוציהען. נאָכדעם ווי אלע פאַרזוכען פאר פשרות און א ווירדיגען שלום מיט דעם שונא זיינען דורכגעפאלען, האָבען די מאַסען באַשלאָסען צו געהן אויף מסירת נפש, צו נעמען די וואַפען אין די הענד און באווייזען דער וועלט, אז זיי קענען

פאַר זייער אידעאל ברייננגען דעם גרעסטען אָפּפער, מקריב זיין זייערע לעבענס.

דאָס אַלעס איז דער געשיכטליכער טייל פון דער בראָשורע, געשיכטע באַלויכטען און ערקלעהרט פון א סאָציאַליסטישען שטאַנדפונקט.

און דאַן שטעלט אָטאָ באַוער די פראַגע וועלכע אלע סאָציאליסטען פון דער וועלט דאַרפען און מוזען שטעלען, די פראגע וואָס וועט פון איצטער אָן דיסקוטירט ווערען פילע מאָנאַטען און אפשר יאָהרען ביי אלע סאָציאליסטישע קאָנפערענצען און באַראַטונגען — די פראגע: „האָבען מיר געמאכט פעהלערען? זיינען מיר, די סאָציאליסטען אליין, שולדיג געווען אין דער טראגעדיע?"

אָטאָ באַוער טרעט צו צו דער פראַגע מוטיג און אָפענהערציג. ער ווייס, אז די וועלט באַטראַכט איהם פאַר דעם הויפּט פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין עסטרייך, אַז די וועלט האַלט איהם פאַראַנטוואָרטליך פאַר אלעס וואָס איז אין עסטרייך מיט די סאָציאליסטען געשעהען. ער ווייס אז אויב מיסטייקס זיינען געמאכט געוואָרען זיינען עס געווען זיינע מיסטייקס, אז אויב די פיהרערשאפט איז געווען א פעלערהאפטע איז ער געווען דער הויפּט שולדיגער אין דעם.

ער ווייס און ער זאָגט עס אין דער בראָשורע.

און ער ווייזט אָן אויף א רייהע פון „מעגליכע פעהלערען". עס קען זיין זאָגט ער, אז אויב מיר וואָלטען אין יענעם מאָמענט געהאַנדעלט אנדערש ווי מיר האָבען געהאַנדעלט וואָלט אפשר אנדערש געווען. ער ווייזט אָן אויף פיער אזוינע מאָמענטען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פארלויף פון די לעצטע פאָר יאָהר, און ער רעדט ארום יעדען פון די מאָמענטען באזונדער, גרינדליך און ברייט און אלזייטיג.

און דאָ שטעלט זיך ארויס א זעהר וויכטיגער פונקט. פון די פיער מעגליכע פעהלערען זיינען צוויי „רעכטע" און צוויי „לינקע". אין צוויי פון די מאָמענטען זיינען דערצו טעות׳ן געמאכט געוואָרען דערמיט וואָס די סאָציאליסטען זיינען געגאנגען צו לינק און אין די אנדערע צוויי מאָמענטען זיינען די פעהלערען געמאכט געוואָרען דערפאר וואָס די סאָציאליסטען זיינען געגאַנגען צו רעכט.

דער פונקט איז פון גרויס וויכטיגקייט. די עסטרייכישע סאָציאליסטען זיינען קיינמאָל ניט געווען געשוואָרענע אָנהענגער פון א רעכטע אדער א לינקע טאַקטיק. זיי זיינען געווען פרייער אין זייערע האנדלונגען ווי די דייטשע סאָציאַלסטען צום ביישפּיל, ווייל זיי זיינען ניט געשטערט געוואָרען פון קאָמוניסטען (די קאָמוניסטישע באוועגונג אין עסטרייך איז אימער געווען נישטיג קליין). דערצו האָבען זיי זיך געפיהלט שטענדיג פעסטער און זיכערער, ווייל זייערע אויפטואונגען האָבען געהאט די אנערקענונג פון דער גאַנצער וועלט. זיי האָבען דערפאר געהאַט דעם מוט פון זייערע איבערצייגונגען, דעם מוט צו געהן אויף זייער וועג זיך ניט אבנויגענדיג צו וויט רעכטס אדער צו וויט לינקס.

אויב אלזא פעהלערען זיינען געמאכט געוואָרען (און וועלכע באוועגונג אָדער וועלכע אָרגאַניזאציע מאכט ניט קיין פעהלערען?) זיינען דאָס געווען פעהלערען פון פארשידענע סאָרטען. ניט די רעכטע און ניט די לינקע האָבען א רעכט צו זאָגען, אז די עסטרייכישע סאָציאליסטען האָבען פאַרבלאָנדזשעט אויף דעם אנדער וועג. אויב די פעהלערען זיינען ווירקליך געווען איז שולדיג אין דעם ניט די פאַלשע טאַקטיק, ניט א פאלשער פּרינציפּ, נאָר פשוט א פאַרזעהען, א שלעכטע אויסרעכענונג פון א געוויסער פּאָזיציע אָדער פון א געוויסען צוג. געגען דעם קען מען זיך ניט באַוואָרענען. מענשען זיינען דאָס וואָס זיי זיינען.

אָטאָ באַוער רעדט ארום די גאַנצע פראַגע פון פעהלערען און קומט צום שלום, אז בײדע צדדים האָבען קיין אורזאכע ניט אויפצואוואַרפען די עסטרייכישע סאָציאליסטען אז זיי האָבען געזינדיגט. ער געהט נאָך ווייטער. ער באַווייזט, אז די זיגען פון די פאַשיסטען אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראפא האָבען קיין שייכות ניט מיט די טאַקטיק אָדער מיט די פרינציפיעלע מעטאָדען פון די סאָציאליסטישע באוועגונגען אין יענע לענדער. די פאַשיסטען האָבען געזיגט אין לענדער וואו די סאָציאליסטען האָבען געפיהרט אן עקסטרעם לינקע טאַקטיק, אין לענדער וואו די סאָציאליסטען האָבען געפיהרט אן עקסטרעם רעכטע טאַקטיק און אויך אין לענדער וואו די סאָציאליסטען האָבען געפיהרט א „צענטער טאַקטיק“. דער זיעג פון די פאַשיסטען טאָר דערפאר ניט צוגעשריבען ווערען צו די פעהלערען פון די סאָציאַליסטען, צי די מיסטייקס פון די סאָציאליסטישע פיהרער נאָר צו עפּעס אנדערש.

וואָס איז דער עפּעס אנדערש? אויף דעם גיט אָטאָ באוער ניט קיין ענטפער אין דער בראָשורע. אָבער דאָס איז די פראַגע אויף וועלכער די סאָציאליסטען פון דער גאנצער וועלט מוזען איצט געפינען אן ענטפער. מיר מוזען וויסען וואָס איז די אורזאכע פון דער פאַשיסטישער עפּידעמיע און וואָס מוז געטאָן געווערען איהר אָבצושטעלען.

אָטאָ באַוער איבערצייגט אונז אין דער בראָשורע, אז מיר, סאָציאליסטען, האָבען באַגאַנגען איין גרויסען פעהלער, דאָס וואָס מיר האָבען די אלע יאָהרען געזוכט פעהלערען אין אונזערע אייגענע רייהען, איין גרופּע ביי דער אנדערער, דאָס וואָס מיר האָבען אימער געמיינט, אז דערפאר שטאַרקט זיך דער שונא, ווייל מיר טויגען ניט, ווייל מיר געהען אויף פאַלשע וועגען. אָט דער שטענדיגער קריטיקירען זיך, דער שטענדיגער זוכען זינד ביי זיך אליין האָט אָבגעווענדט אונזער אויפמערקזאמקייט פון דעם שונא און פון אונז אוועקגערויבט די מעגליכקייטען און געלעגענהייטען צו ענטדעקען די שוואַכקייטען און די מיסטייקס פון דעם שונא. עס איז צייט, אז די סאָציאליסטען זאָלען אויפהערען זיך אליין צו באַשולדיגען, זיך אליין צו קריטיקירען. דאָס אליין ווירקט אָבצושוואַכען די כוחות, דאָס אליין איז די בעסטע הילף פאר׳ן שונא.

איטאַליען, דייטשלאנד און עסטרייך האָבען באוויזען אז דער פאשיזם זיגט אָבגעזעהען פון דעם צי די סאָציאליסטען זיינען לינק, רעכט אָדער צענטער. דער זיג קומט פון עפּעס א שטאַרקייט וואָס דער פאַשיזם פאַרמאָגט און ניט פון עפּעס א שוואַכקייט וואָס די סאָציאליסטען האָבען. מיר מוזען אָט דעם קוואַל פון דער פאַשיסטישער שטארקייט אויספאָרשען און אויסגעפינען און קאָנצענטרירען אלע אונזערע פאראייניגטע כוחות דעם קוואַל צו פאַרניכטען און צו פארשטאָפּען.

דאָס מוז זיין די אויפגאבע פון די סאָציאליסטען. אנשטאָט אינערליכע קריגערייען, אינערליכע קריטיק וואָס פאר׳סם׳ט די הערצער און טויטעט אָב די כוחות—אנשטאט דעם איז בעסער נויטיג א פאראייניגטער קאמף געגען שונא, א קאַמף וואָס וועקט, שטאַרקט און באַגייסטערט.

צום אנדיינקען פון די
געפאַלענע און דערמאָרדעטע
העלדען פון רעוואָלוציאָנערען
שוצבונד. א. באוער.

דער שטורם איבער עסטרייך

מאָנטאג, דעם 12טען פעברואר, אינדערפרי, האָט אויסגעבראָכען דער שטורם.

מיט צוויי טעג פריהער האָט די עסטרייכישע היים־וועהר צוזאַמענגערופען איהרע סאָלדאַטען. מיט געוועהר אויף די פּלייצעס האָבען זיי אריינמאַרשירט אין לינץ און אין די אַנדערע שטעט פון אויבער־עסטרייך. געשטיצט אויף זייערע וואָפען, האָבען די פיהרער פון די היים־וועהר פאַשיסטען איבערגעגעבען זייערע פאָדערונגען צו דעם הויפּט־מאַן פון דער לאַנד־רעגירונג.

זיי האָבען געפאָדערט, אַז די קאָנסטיטוציאָנעלע לאַנד־רעגירונג זאָל אַראָפּגעזעצט ווערען, און איהר פּלאַץ זאָל פאַרנומען ווערען פון א לאַנד־עקזעקוטיווע, וועלכע זאָל באַשטעהן פון היים־וועהר פאַשיסטען; זיי האָבען פאַרלאַנגט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געמיינדע־פאַרוואַלטונג פון לינץ און פון סטייער זאָל אויפגעלייזט ווערען; אַז אין לאַנד־און־געמיינדע רעגירונגען זאָלען זיך מעהר ניט טאָרען באַטייליגען קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטען; זיי זאָלען זיך ניט טאָרען געפינען ניט אין דער פאַרוואַלטונג און ניט אין די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די געמיינדעס. זיי האָבען אויסדריקליך ערקלערט, אַז ווי גרויס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מערהייט זאָל דאָרטען ניט זיין, מוזען זייערע בעאַמטע דאָך אַראָפּגעזעצט ווערען.

ווען די באוואָפענטע היים־וועהר פאַשיסטען האָבען איבערגעגעבען דעם אולטימאַטום זייערען צום הויפּט־מאַן פון דער לאַנד־רעגירונג, זיינען זיי געבליבען ביי איהם וואַרטען, כדי צו האָבען א שטאַרקערע ווירקונג אויף איהם, אַז ער זאָל באַלד אויפנעמען זייער אולטימאַטום.

אין דער זעלבער צייט זיינען אנדערע היים־וועהר פאַשיסטען באַפאַלען די הייזער פון די מיטגלידער פון רעפּובליקאַנישען שוץ־בונד. זיי האָבען געמאַכט הויז־זוכונגען ביי די שוץ־בונדישע מיטגלידער; זיי האָבען געזוכט געוועהר און האָבען ארעסטירט די לאָקאַלע פיהרער פון שוץ־בונד.

די פיהרער פון לינצער שוץ־בונד האבען געפיהלט, אז די אנט־שיידענע שעה האט געשלאגען. זיי האבען קלאר איינגעזעהן, אז אין דער צייט, ווען די היימווער פאשיסטען זוכען מיט געוואלד אוועק־צונעמען די געווער פון די שוץ־בונד מיטגלידער, באוואפענט די רע־גירונג די פאשיסטישע באנדעס, און גרייט זיי צו צו „גלייכשאלטונג" (צו דער איינשפאנונג פון די לאנד־רעגירונגען און די לאקאלע גע־מיינדע־פארוואלטונגען אונטער איין פיהרערשאפט), און דאס ווערט געטאן כדי צו פארזיכערען די היים־וועהר פאשיסטען געגען א וועל־כען ניט איז ווידערשטאנד.

די לינצער שוץ־בונד מיטגלידער האבען זיך אין אזא מאמענט ניט געוואלט לאזען ענטוואפענען. ווען די רעגירונגס־פאליציי איז מאנטאג פריה געקומען אין דעם האטעל „שיף", אין דער הויפט־קווארטיר פון די לינצער ארבייטער־ארגאניזאציעס, און האט דארטען געוואלט אנהייבען צו זוכען געוועהר, זיינען די שוצבונד מיטגלידער געווען גרייט זיך צו שטעלען אנטקעגען מיט געוועהר אין די הענט.

עס זיינען ארויסגערופען געווארען סאלדאטען. דער גאסען־קאמף האט זיך אנגעהויבען.

ווי דורך א בליץ איז איבער גאנץ לינץ פארשפרייט געווארען די נייעס וועגען דעם צוזאמענשטויס פון די ארבייטער מיט די פאשיס־טען אין דעם האטעל „שיף".

די שוץ־בונד מיטגלידער האבען זיך גלייך גענומען ארויסצוגרא־בען זייער באהאלטענע געוועהר, און דער קאמף האט זיך אנגעהויבען אין אלע טיילען פון שטאט.

עס האט קוים גענומען א פאר שעה און די נייעס וועגען צוזאמענ־שטויס פון די לינצער ארבייטער מיט די סאלדאטען האט זיך דער־טראגען צו וויען. אויך דא זיינען די ליידענשאפטען אויפגעקאכט געווארען.

„מיר טארען די לינצער ארבייטער ניט לאזען אליין!" — האט זיך דערהערט פון אלע זייטען.

די ווינער ארבייטער זיינען שוין מיט א פאר טעג פריהער געווען אין גרויס אויפרעגונג. באקאנטע פיהרער פון שוץ־בונד, צווישען זיי דער פיהרער פון 21טען ווינער דיסטריקט, זיינען שוין געווען ארעס־טירט. די פארטיי־הויז איז נאך דאנערשטאג באזעצט געווארען פון א גרויסע מחנה פאליציי.

דאס אלץ איז פארגעקומען אין א מאמענט ווען די היים־וועהר פאשיסטען האבען זיך געגרייט צו דעם אנטשיידענעם קלאפ — צו דער

פארכאפונג פון ווינער ראט־הויז (סיטי האל), צו דער אראפזעצונג פון דער סאציאל־דעמאקראטישער געמיינדע־פארוואלטונג אין וויען, וועלכע איז באשטאנען פון צוויי דריטעל סאציאל־דעמאקראטען, וואס זיינען פון פאלק ערוועהלט געווארען, און, צום שלום, צו דער אויפלייזונג פון דער גאנצער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. דאס אלץ האבען די היים־וועהר פאשיסטען געוואלט דורכפיהרען אין די קומענדע פאר טעג. אזוי האבען זיי אפען ערקלערט.

זונטאג, דעם 11טען פעברואר איז אין פלאריסדארף, דער אינדוסטריעלער סענטער פון וויען, ארעסטירט געווארען אן אנגעזעהענער ארבייטער־פיהרער און אן ארבייטער־פארטרעטער פון א גרויסער פאבריק.

מאנטאג האבען די פאבריק־קאמיטעטען פון פלאריסדארף באטראכט די פראגע וועגען ארויסצורופען א פראטעסט סטרייק געגען דעם ארעסט. ווען זיי האבען נאך די פראגע וועגען פראטעסט־סטרייק געהאלטען אין באטראכטען, האט זיך פארשפרייט די נייעס וועגען די בלוטיגע געשעהענישען אין לינץ.

ארום מיטאג־צייט האבען די ארבייטער פון די עלעקטריציטעט־פאבריקען געווארפען די ארבייט. אין זעלבען מאמענט זיינען אויך די ארבייטער פון די גאסען־באהנען ארויס אין סטרייק, און דער גאנצער גאסען־פארקער איז אפגעשטעלט געווארען. די מיטגלידער פון שוץ־בונד האבען זיך פארזאמעלט אין זייערע פארזאמלונגס־פלעצער.

די פאליציי האט נאך פארשטארקט די אלגעמיינע אויפרעגונג דורך איבערפאלען און הויז־זוכונגען אין צוויי ווינער ארבייטער־דיסטריקטען. דארטען איז קאנפיסקירט געווארען א סך געוועהר.

דאס האט, פארשטעהט זיך, ביי די ווינער ארבייטער נאך פארשטארקט דעם פארלאנג פון א ווידערשטאנד. און ארום פינף פארנאכט האט זיך אין וויען דערהערט דער ערשטער שאס!

דער קאמף האט זיך אנגעהויבען.

אויף איין זייט האבען געקעמפט פראלעטאריער, מערסטענס הונגעריגע ארבייטסלאזע, מיט אלטע פארזשאווערטע געוועהר, וועלכע איז זיי נאך פארבליבען פון דער מלחמה־צייט, און מיט בלויז עטליכע קוילען אין די פאטראנען־גארטלען.

אויף דער אנדערער זייט זיינען געשטאנען סאלדאטען און פאליציי מיט די סאמע מאדערנסטע וואפען, זאטע, אפגערעסענע, צוגעגרייטע מיט פאנצער־וואגענס, מיט קאנאנען, מיט האוויצערס און מיט האנט־גראנאטען.

אין אוונט האט זיך שוין געהערט דאס דונערען פון די קאנאנען.

די מחנות פון דאָלפוס׳ן האָבען שוין געשאָסען אויף די געמיינדע־הייזער, אין וועלכע די מיטגלידער פון שוץ־בונד האָבען זיך געהאַט פאַרבאַריקאַדירט.

וואָס האָט די דאָלפוס־באַנדיטען געקימערט, אז מיט זייער באָמבאַרדירונג אויף די געמיינדע־הייזער מאָרדען זיי אומשולדיגע פרויען און קינדער? דאָס זיינען דאָך געווען בלויז פרויען און קינדער פון רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער...

וואָס איז זיי אָנגעגאַנגען, אז צושטערענדיג די געמיינדע־הייזער האָבען זיי טויזענדער מענשען געמאַכט היימלאָז, ביי טויזענדער אוועקגערויבט די דעכער איבער זייערע קעפּ? דאָס זיינען דאָך געווען נאָר היימען פון אָרימע ארבייטער.

מיט דער ארבייטער רעוואָלוציע קען מען אפילו מיט ביקסען און מאַשין־קאַנאָנען ניט אזוי גרינג פאַרטיג ווערען, אָבער אוועקנעמען די וואָהנונגען און אויס׳הרג׳ענען די אומשולדיגע פרויען און קינדער, — מיט דעם קאָן מען זיך גרינג ספּראַווען.

אזוי גיך ווי די קאַנאָנען האָבען זייער ארבייט אָפּגעטאָן, האָבען די סאָלדאַטען אָנגעהויבען צו שטורמען די געמיינדע־הייזער (די הייזער, וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרען פון דער ווינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג פאַר די ארבייטער). אויף די הויפען, אויף די טרעפּען און אין די קיכען האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמף פון מאַן געגען מאַן, און מאַן געגען פרוי.

אַלטפרענקישע האַנט־גראַנאַטען, וועלכע די ארבייטער האָבען אליין געמאַכט, האָבען די ארבייטער געשליידערט אויף די אריינדרינגענדע סאָלדאַטען. מיט האַק־מעסערס און ביגעל־אייזענס זיינען די פּראָלעטאַרישע פרויען געגאַנגען געגען די צואַווילדעוועטע סאָלדאַטע, און האָבען העלדיש געקעמפּט זייט ביי זייט מיט זייערע העלדישע מענער.

די סאָלדאַטען האָבען געזיגט. זייער ארבייט איז געווען אָפּגעטאָן. די רעגירונגס־מאַכט האָט פאַרכאַפּט די הייזער. אבער מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער זיינען אויפגעשוואָומען אויף די דעכער, אין א טורעם אדער ביי א פענסטער, מענשען מיט ביקסען אין די הענט, און דער קאַמף האָט זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבען.

ניט אַכטענדיג אויף דער אומגלייכהייט פון געוועהר, ניט אַכטענדיג אויף דער אומגלייכהייט פון די קעמפער, האָט דער קאַמף פאַר וויען געדויערט פיר מאָל פיר־און־צוואַנציג שעה...

און אין דער זעלבער צייט זיינען אויך אנגעגאנגען די קאמפען אין די אינדוסטריעלע שטעט און שטעטלאך ארום וויען. אין דעם בראוון סטיער, אין דעם העלדישען ברוק, ביים טייכעל מור, אין עדינבורג און אין גראץ, אין קאפפענבערג און אין יודענבורג, אין נייקירכען און אין טרייזענטאל, אין ווערגעל און אין הערינג.

די קאנאנען, די שווערע האוויצערס האבען געזיגט. די בירגערליכע ארדנונג איז ווידער איינגעפיהרט געווארען. הונדערטער ארבייטער־פרויען און ארבייטער־קינדער זיינען ערמארדעט געווארען. טויזענטער פארוואונדעטע קארטשען זיך אין זייערע שרעקליכע וועהטאגען; טויזענטער ליגען צוזאמענגעפרעסט און צוזאמערגעווארפען אין תפיסות. מיט מארד און בלוט איז פארפעסטיגט געווארען די נייע עסטרייך, — „די קריסטליכע, די דייטשע און די שטאנדען עסטרייך". (שטאנדען, גרופען. די פאשיסטען אנערקענען ניט קיין קלאסען. זיי צוטיילען די באפעלקערונג אין שטאנדען, ווי אמאל אין דער צארישער רוסלאנד, וואו די באפעלקערונג איז געווען צוטיילט אויף אדעללייט, (הוואריאנעס), שטאדטישע איינוואוינער (מעשטשאנעס) און פויערים).

די קאפיטאליסטישע געריכטען זיינען באלאגערט. די ריכטער „טיילען אויס גערעכטיגקייט". דער ערשטער אנגעקלאגטער איז דער וויענער ארבייטער מיניכרייטער, א דריי־און־פערציג יאהריגער מאן, א פאטער פון דריי קינדער. ער ווערט געבראכט פאר דעם בלוט־ריכטער פון נייעם „קריסטליכען עסטרייך".

ער קומט ניט צופוס. ער איז שווער פארוואונדעט געווארען אין פראלעטארישען קאמף, און ער ווערט אריינגעבראכט אין געריכט אויף א טראג־בעטעל. דער ריכטער ערקלערט, אז א שווער־פארוואונדעטער מיינט ניט קיין שווער־קראנקער. א שווער־קראנקער טאר ניט פארמשפט ווערען צום טויט; א שווער־פארוואונדעטער אבער יא. דערפאר ווערט מיניכרייטער פאראורטיילט צום טויט און אויף דער זעלבער בעטעל, אויף וועלכער ער ווערט אריינגעבראכט, הייסען דאלפוס'עס ריכטער דעם פארוואונדעטען אוועקטראגען צו דער תליה...

דער פאשיזם טריאומפירט

ארבייטער בלוט גיסט זיך אין שטראמען. ארבייטער שטארבען אויפ'ן קאמפס־פלאץ, זיי שטארבען אין די צושאסענע הייזער, אין די האספיטעלער און אויף די תליות. דער פאשיזם יובעלט! דער פאשיזם טריאומפירט!

די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, וועלכע האט אין די לעצטע וואהלען געקראגען 41 פראצענט שטימען, וועלכע האט געקראגען צוויי פינפטעל פון אלע שטימען, וועלכע זיינען אפגעגעבען געווארען פון עסטרייכישען פאלק, איז אויפגעלעזט געווארען. כמעט אלע איהרע פיהרער זיינען געווארען ארעסטירט.

און ארעסטירט זיינען גראדע די, וועלכע האבען ניט גענומען קיין שום אנטייל אין דעם לעצטען בלוטיגען קאמף; ארעסטירט זיינען גראדע די, וועלכע זיינען מאנטאג, ווי אלע אנדערע טעג, געזעסען אין די אפיסעס פון זייערע געווערקשאפטען, וועלכע זיינען געזעסען אויף זייערע אמט־פלעצער אין ווינער ראט־הויז, צי אין די לאנדרעגירונגען, אין די געמיינדע און דיסטריקט אפיסעס — זיי אלע זיינען ארעסטירט געווארען.

בלויז די וועלכע זיינען געשטאנען אין די קאמפס־רייהען, און האבען דעריבער ניט געקענט דערגרייכט ווערען פון דער דאלפוס פאליציי, בלויז די איז געלונגען ניט צו ווערען ארעסטירט.

פון אלע סאציאל־דעמאקראטישע דעפוטאטען, פון אלע נאציאנאלע און לאקאלע דעפוטאטען, פון אלע לאנדטאג דעפוטאטען און געמיינדע ראטען, זיינען צוגענומען געווארען זייערע מאנדאטען און זייערע רעכטע, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דאס פאלק האט זיי געהאט ערוועהלט.

די פארטיי־הייזער און די ארבייטער היימען זיינען באזעצט געווארען פון סאלדאטען, די פארטיי־פרעסע איז אונטערדריקט געווארען אלץ וואס די הונדערטע טויזענטער עסטרייכישע ארבייטער האבען אויפגעבויט פאר די לעצטע פינף־און־פערציג יאהר איז פארניכטעט געווארען.

אייגענטום איז הייליג, אבער בלויז אייגעטום פון קאפיטאליסטען. קאלעקטיווע אייגענטום פון די ארגאניזירטע ארבייטער, אבער, איז אוועקגערויבט געווארען דורך די קאפיטאליסטישע רויבער, און קיין קלעגער און קיין ריכטער זיינען ניטא.

די שטאלצעסטע פעסטונג פון דער עסטרייכישער סאציאל־דעמאקראטיע, דער ווינער ראט־הויז, איז צוגענומען געווארען. ער איז באזעצט געווארען פון מיליטער. דארטען, אין מיטען שטאט, וואו קיין ארבייטער וואוינען ניט, האט מען ניט געקענט געבען קיין ווידערשטאנד. בלויז דער בירגערמייסטער געגאסע זייץ האט איהם פערזענליך אנגעפיהרט.

געגאסע זייץ האט צו די הענקער פון די דאלפוס פאשיסטען ערקלערט: „איך וועל ניט אוועקגעהן פון מיין אמט־צימער. צוויי

דריטעל פון ווינער פאָלק האָבען מיך אהער געשיקט; און קיינער האָט קיין רעכט ניט מיך פון דאַנען ארויסצוטרייבען. איך וועל זיך ניט אונטערגעבען צו קיינעם, ווער עס ברעכט די קאָנסטיטוציע!"

די הענקער פון דאָלפוס'ען האָבען דעם זעקס-און-זעכציג יאָהריגען קראַנקען מאַן, וועלכער איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער עסטרייכישער רעפּובליק, א כאַפּ געטאָן מיט געוואַלד, און איהם אוועקגעשלעפּט אין דער פּאָליציישקער טורמע.

הער שמיץ, דער מאַן פון דער קריסטליך-סאָציאלער פּאַרטיי, וועלכער האָט ביי די לעצטע וואהלען געקראָגען בלויז א פינפטעל פון די שטימען פון דער ווינער באַפעלקערונג, איז איצטער זעלבסט-הערשער איבער וויען.

א סוף צום „סקאַנדאַל" פון בויען שעהנע און ביליגע הייזער פאַר פּראָלעטאַריער! וואוינונגען דאַרף מען האָבען בלויז אזוינע, אז די לענדלאָרדס זאָלען קענען קאָלעקטען רענט! א סוף צו די שול-רעפאָרמען און צו דער פאַרזאָרגונג פאַר קינדער! ארויס מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע בעאַמטע! קריסטליכע קאַריעריסטען וואַרטען אויף זייערע פּלעצער!

צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי זיינען אויך אויפגעלעזט געוואָרען די פרייע געווערקשאַפטען. די שוץ-מיטלען פון די ארבייטער געגען עקספּלואַטאַציע און געוואַלט אין די פאַבריקען זיינען צושמעטערט געוואָרען. און גרויס פרייד הערשט איצט אין דער הויז אויף שוואַרצענבערג פּלאַץ, אין וויען, וואו עס געפינט זיך דער פאַרבאַנד פון די פאַבריקאַנטען.

א פאַר הונדערט טויטע פּראָלעטאַריער איז ניט קיין צו הויכער פרייז פאַר פאַרניכטען די מעגליכקייטען, וועלכע שטערען ארויסצו-פּרעסען פּראָפיטען פון די מוסקולען און פון די נערוועז פון די ארבייטער.

אַלע ארבייטער פאַראיינען זיינען פאַרמאַכט געוואָרען. פאַרניכטעט זיינען די ספּאָרט פאַראיינען פון דער ארבייטער יוגענט, א סוף איז געמאַכט געוואָרען צו דעם גרויסען ארבייטער-טוריסטען פאַראיין „די נאַטור פריינט", וועלכער האָט צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער אָפּגעהאַלטען פון צו געהן אין די שענקען און האָט זיי געזוכט אויפצוקלערען און אויסצובילדען. פאַרשלאָסען איז דער אנטי-שכרות פאַראיין, וועלכער האָט טויזענטער פּראָלעטאַריער אָפּגעהאַלטען פון שכור'ן און זיי אויפגעקלערט וועגען די געפאַהרען פון אלקאָהאָליזם.

אַלץ וואָס די ארבייטער באַוועגונג האָט אויפגעטאָן פאַר דער

קולטור פון די מאסען איז פארניכטעט געווארען, אפילו דעם בונד פון די רעליגיעזע סאציאליסטען, וועלכע זיינען ניט קיין קריסטליך־סאציאלע, האבען די דאלפוס קריסטען אין זייער ווילדען וואוט אויך פארמאכט. די קאנסום פאראיינען, וועלכע מען האט ניט געקענט מיט אמאל אויפלעזען, האט מען איבערגעבויט אויף „גלייכשאלטעריש"־היטלעריסטישע יסודות. דאס מיינט, פאקטיש, אז מען האט זיי איינגעשפאנט אין דעם יאך פון דעם פאשיסטישען רעזשים און דערמיט זיי געמאכט צו גארנישט.

די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי און געוואלד

וואס איז געווארען פון עסטרייך, וועלכע איז פריהער געווען אזוי רוהיג, אזוי געמיטליך?

אין יאהר 1918, נאך דער מלחמה, איז צופאלען געווארען די אימפעריע פון דער האבסבורגער קייזערליכער פאמיליע. עסטרייך איז געווארען א רעפובליק, און די יונגע רעפובליק האט איבערגענומען א ירושה פון א פארלאזענער מלוכה, א רואינירטען עקאנאמישען לעבען, א שרעקליכען מאנגעל אין לעבענסמיטלען, און דער ווערט פון געלט איז דערביי געפאלען מיט א מורא'דיגער שנעלקייט.

אין יענער צייט איז די גרויסע ענדערונג צוגעגאנגען אין עסטרייך א סך רוהיגער, איידער אין די שכנישע לענדער. אהן געוואלד, מיט'ן פרידליכען מיטעל פון ווארט, פון אגיטאציע האט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי באוויזען איינצושטילען די ווילדע, אויפגערעגטע סאלדאטען, וואס זיינען ארוים פון דעם בלוט און שמוץ פון די טרענטשעס און האבען זיך אומגעקערט אהיים. די סאציאליסטישע פארטיי האט באוויזען צו בארוהיגען די הונגעריגע מאסען און אריינציהען זיי אין פרידליכע ארבייט.

אין אונגארן, איסט פון עסטרייך, און אין בייערען, דייטשלאנד, צו דער וועסט, האט געשטורעמט, און מען האט אויף א קורצער צייט אין יענע צוויי לענדער אויפגעשטעלט א סאוועטישע דיקטאטור, און בלוט האט זיך דארטען געגאסען שטראמענווייז. אבער עסטרייך איז געבליבען רוהיג, ווי אן אינזעל פון פרידען אין א ים פון שטורעם און בלוט.

די סאציאליסטישע פיהרער, וועלכע האבען דעמאלסט געהאט די העכסטע מאכט אין עסטרייך, האבען די הונגעריגע מאסען געלערענט

ארויסצואווייזען א מערקווירדיגע זעלבסט־אויפאָפּפערונג, צו זיין מע־סיג און פרידליך, אָבער די ליגנערישע פאשיסטישע זינגער רופען איצט אָן די זעלביגע סאָציאַליסטישע פיהרער א באנדע בלוטדורשטיגע פארברעכער, וואָס האָבען קיין אנדער זאך ניט געהאט אין זינען, ווי גאר ברענגען אין זייער לאנד בלוט־פארגיסונג און א צוזאמענברוך!

די פאשיסטען זאגען, אז די עסטרייכישע ארבייטער האָבען גע־האַלטען פארבאָרגען געוועהר און מאשין־ביקסען, אמוניציע און אויפ־רייס־שטאָפען. נו, איז דאָס דען ניט א באווייז, אז די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטיי האט געוואָלט ארויסרופען א בירגער־קריג, און האט זיך צו דעם געגרייט און זיך באוואפענט?

עס איז אמת, אז די עסטרייכישע ארבייטער האָבען זינט דער רעוואָלוציע פון יאהר 1918 געהאט וואפען, פונקט ווי די פאשיסטישע „היים־וועהר" מחנות און די מאָנארכיסטישע „פראָנט קעמפער"־אָרגאַניזאציעס האבען געהאט וואפען זינט דער פּאָליטישער איבער־קערעניש פון יאָהר 1918. צי האָבען אָבער די עסטרייכישע ארביי־טער ווען עס איז באנוצט זייערע וואפען פאר דעם 12טען פעברואר פון יאָהר 1934, דעם ערשטען טאָג פון דעם איצטיגען אויפשטאנד? עס איז דאך א פאקט, אז די עסטרייכישע ארבייטער האָבען די וואפען ניט ארויסגענומען פון די ערטער, וואו זיי זיינען געלעגען באהאַלטען, אפילו אין צייט פון דער גרעסטער אויפרעגונג, אפילו אין צייט פון דער פּאָליטישער איבערקערעניש פון 1918—1919, ווען עסטרייך איז געוואָרען א רעפּובליק, און אפילו אין די בלוטיגע צוזאמענשטויסען פון דעם 15טען דזשולאי פון יאָהר 1927.

די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטיי האט אלעמאָל ערקלערט — און האט דאס אויך געזאָגט אין דער פיל קריטיקירטער פּראָגראם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען ביים פארטיי קאָנגרעס אין יאָהר 1926 אין דער שטאָט לינץ, — אז זי איז געגען באנוצען גע־וואַלד. אין א דעמאָקראטישער רעפּובליק, וואו יעדער בירגער האָט פולשטענדיגע פרייהייט צו פארשפרייטען זיינע מיינונגען און אידעען, און וואו די מאכט ווערט איבערגעגעבען נאָך דעם, ווער עס געווינט אויף זיין זייט די מערהייט פון פאָלק, וועלען מיר זוכען צו געווינען די מאכט אין דער מלוכה נאָר מיט פרידליכע מיטלען, אין איינקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע, מיט'ן מיטעל פון שטים־צעטעל ביי וואהלען. מיר וועלען זוכען צו געווינען א מערהייט פון פאָלק דורך איבערציי־גונג, דורך פּראָפּאגאנדע און אויפקלערונג.

נאָר אין איין פאַל זיינען מיר גרייט און ענטשלאָסען אָנצוווענ־דען געוואַלד־מיטלען, — נאָר ווען די פאשיסטען אָדער די מאָנארכיס־

טען וועלען אומוואַרפען די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, צונעמען ביי אונז דאָס אַלגעמיינע, גלייכע וואַהל־רעכט און די מעגליכקייט צו פאַרשפּרייטען אונזערע אידעען מיט פרידליכע דעמאָקראַטישע מיט־לען, צו קעמפען אויף א דעמאָקראַטישען וועג פאַר א נייער געזעל־שאַפט. נאָר פאַר אזא פאַל האַלטען מיר גרייט די וואַפען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל ערקלערט: מיר דאַרפען ניט האָבען קיין וואַפען, אויב די פאַ־שיסטען און די מאָנאַרכיסטען וועלען אויך קיין וואַפען ניט האָבען.

נאָך אין יאַר 1922, ווען די ארבייטער זיינען צום ערשטען מאָל געפאַלען אין א צוזאַמענשטויס מיט פאַשיסטישע באַנדעס, האָט יוליוס דויטש אין נאָמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאָרגע־שלאָגען די בורזשואזע פּאַרטייען, אז ביידע צדדים, סיי די ארבייטער און סיי זייערע פאַשיסטישע און מאָנאַרכיסטישע געגנער, זאָלען אָפּ־געבען זייערע וואַפען, און דאָס זאָל געטאָן ווערען אונטער א געהעריגען קאָנטראָל, וואו ביידע צדדים זאָלען זיין פּאַרטראַטען. ערשט ווען די בורזשואזע פּאַרטייען האָבען דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזען מיט פאַר־אַכטונג און שפּאָט, האָט מען גענומען אָרגאַניזירען דעם רעפּובליקאַ־נישען „שוצבונד“.

אין יאָהר 1928, ווען די „היים־וועהר“־פאַשיסטען האָבען געמאַכט א גרויסע דעמאָנסטראַציע אין ווינער־ניישטאַט, און עס איז אויפגע־קומען א געפאַהר פון א צוזאַמענשטויס צווישען די פאַשיסטען און די ארבייטער, האָט דער סאָציאַליסטישער פיהרער קאַרל רענער ווידער־אַמאָל פאָרגעשלאָגען, אז ביידע צדדים זאָלען אויפגעבען זייערע וואַ־פען. אָבער דער דעמאָלסטיגער פּרעמיער־מיניסטער דר. זייפּעל האָט דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזען. די בורזשואזע פּאַרטייען האָבען ניט געוואָלט צווינגען די „היים־וועהר“־פאַשיסטען, זיי זאָלען אוועקגעבען די וואַפען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען גרייט אנצואווענדען געגען דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, דעריבער האָבען אויך די ארבייטער געמוזט האַלטען גרייט און ניט אויפגעבען די וואַפען, אום צו קענען די דעמאָקראַדישע רעפּובליק פאַרטיידיגען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געוואָלט, אז ביידע געגנערישע פּאַרטייען זאָלען אויפגעבען זייערע וואַפען. די „היימ־וועהר“־פאַשיסטען האָבען געוואָלט, אז זיי אליין זאָלען בלייבען באַ־וואַפענט, נייר די געגנער זייערע זאָלען זיך ענטוואַפענען. ווי נאָר דער קאָנצלער (פּרעמיער־מיניסטער) דאָלפוס האָט איבערגעגעבען דעם מיניסטעריום פון זיכערהייט צום „היימוועהר“ פיהרער עמיל פעי, האָט פעי אַלץ געטאָן, אום אויסצוגעפינען און אָפּצונעמען די באהאַל־

טענע וואַפּען פון רעפּובליקאַנישען „שוצבונד". אין דערזעלביגער צייט אָבער האָט ער פּאַרלאַנגט, אַז די „היימווערר"-לייט זאָלען באַקומען וואַפּען פון די וואַפּען-סקלאַדען פון דער מלוכה!

נעגען דעם, אַז מען זאָל די „היימווערר"-לייט אַרויסגעבען וואַ־פּען פון די רעגירונגס-סקלאַדען, איז שטאַרק אַרויסגעטראָטען אפילו דער רעאַקציאָנער וואַגאָין, ווען ער איז געווען קריגס-מיניסטער. טאַקע דעריבער האָט דאָלפוס אין סעפּטעמבער פון יאָהר 1933 באַזייטיגט וואַגאָין'ען פון אַמט און האָט אַליין איבערגענומען דאָס קריגס-מיניס־טעריום. פון יענעם מאָמענט אָן האָבען די „היימווערר"-פאַשיסטען באַקומען פון די רעגירונגס-סקלאַדען 16 טויזענט שטיק געווער.

יעדערער קען דעריבער זעהן ווי היפּאָקריטיש עס איז די טענה פון דער דאָלפוס-רעגירונג, אַז די אַרבייטער האָבען געהאַט ביי זיך וואַפּען. דער רעפּובליקאַנישער „שוצבונד" האָט דאָך די וואַפּען גע־האַלטען צו פאַרטיידיגען די קאָנסטיטוציע פון דער רעפּובליק, אין דער צייט ווען די פאַררעטערישע רעגירונג פון דאָלפוס האָט מיט די אייגענע הענט באַוואַפּענט דעם טויטליכען שונא פון דער דעמאָקראַ־טישער קאָנסטיטוציע, צו וועלכער זי, די רעגירונג, האָט אַליין געשוואָ־רען צו זיין טריי!

אָבער ווי אַזוי איז געקומען דערצו, אַז די אַרבייטער זאָלען ענדליך מוזען באַנוצען די וואַפּען, וועלכע זיי האָבען אין פאַרלויף פון פופ־צעהן יאָהר געהאַלטען פאַרבאָרגען און ניט באַנוצט?

די דאָלפוס דיקטאַטור

פון זינט דעם יאָהר 1920 האָט די עסטרייכישע רעפּובליק געהאַט ריין-בורזשואזע רעגירונגען. אָבער אַזוי ווי ביי יעדער עלעקשאָן האָ־בען צוויי פינפטעל פון דער עסטרייכישער באַפעלקערונג אָפּגעגעבען זייערע שטימען פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי, האָט די בורזשואזי געקענט רעגירען אין עסטרייך נאָר אַזוי לאַנג ווי אַלע בור־זשואזע פאַרטייען זיינען געווען אין אַ „קאָאַליציע", אין אַ בונד נעגען דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אין פאַרלויף פון 10 יאָהר האָבען זיך אַלע עסטרייכישע רעגירונגען געשטיצט אויף אַ בורזשואַ־זער „קאָאַליציע", אויף אַ בונד פון די דריי בורזשואזע פאַרטייען: די „קריסטליך-סאָציאַלע", די „גרויס-דייטשען" און דעם „לאַנד-בונד".

ווען עס איז אָבער אין דייטשלאַנד שטאַרק געוואָרען דער נאַציאָ־נאַל-פאַשיזם (אָדער נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, היטלעריזם), איז די רעגי־

רונגס־סיסטעם אין עסטרייך צוטרייסעלט געווארען. דעם 14טען סעפטעמבער פון יאהר 1930, האט היטלער אין דייטשלאנד געהאט זיין ערשטען גרויסען זיג ביי די וואהלען. די דעמאלסטיגע רעגירונגען פון דייטשלאנד און פון עסטרייך האבען געמיינט, אז זיי װעלען קענען אפשטעלען די נאציאנאליסטישע כוואליע, אויב זיי װעלען אליין אויפנעמען א קאמף פאר א נאציאנאלער אישו.

איין שעהנעם פריהמארגען האבען דער דייטשער אויסלענדישער מיניסטער קורציוס און דער עסטרייכישער אויסלאנדס - מיניסטער יאהאן שאבער איבערראשט די װעלט מיט דער ערקלערונג, אז דייטשלאנד און עסטרייך װילען דורכפיהרען א טאריף־פאראייניגונג, א בונד, וואס זאל אפשאפען די דיוטים, אפצאהלונגען אויף סחורות, וואס ווערען אריינגעפיהרט פון איין לאנד אין צווייטען.

די גרויסע מלוכות האבען זיך געשטעלט געגען דעם, און פון דעם וויכטיגען פלאן איז גארנישט געווארען. דייטשלאנד און עסטרייך האבען זיך געמוזט בויגען פאר דעם ווילען פון די גרויסע מלוכות. אונטער דעם דרוק פון דער פראנצויזישער רעגירונג האט שאבער געמוזט פארלאזען זיין אמט. די „גרויס־דייטשע“ פארטיי, וועלכע איז געווען פאר אזא פלאן, איז געווען זעהר אויפגעבראכט געגען דער רעגירונג און האט פארלאזען די „בורזשואזע קאאליציע“, אויף וועלכער די רעגירונג האט זיך געהאלטען. די בורזשואזע רעגירונג פון עסטרייך האט איצט מעהר ניט געהאט קיין מערהייט אין פארלאמענט.

מען האט געמוזט שאפען א נייע מערהייט פאר דער רעגירונג. פאר דעם זיינען געווען אפען צוויי מעגליכקייטען. איין מעגליכקייט איז באשטאנען אין דעם, אז די „קריסטליך־סאציאלע“ און דער „לאנד־בונד“ זאלען שליסען אן אפמאך מיט דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. דאס וואלט דער רעגירונג געגעבען א גרויסע מערהייט אין פארלאמענט. די „קריסטליך־סאציאלע“ און דער „לאנד־בונד“ האבען אבער אויך זיך געקענט פארבינדען מיט אכט „היימוועהר“ דעפוטאטען, וואס זיינען ערוועהלט געווארען אין יאהר 1930. דאס וואלט אויך דער רעגירונג געגעבען א מערהייט, כאטש זעהר א קליינע.

נאך א געוויסען ישוב־הדעת, האט דאלפוס באשלאסען בעסער אריינצוטרעטען אין א בונד מיט די „היימוועהר“־לייט. ער האט איבערגעגעבען דאס מיניסטעריום פון זיכערהייט צו עמיל פעי, און מיט דעם האט ער געוואונען אויף זיין זייט זעקס פון די אכט „היימוועהר“־דעפוטאטען. אבער דאס האט דער רעגירונג געגעבען א מערהייט פון בלויז איין שטימע אין פארלאמענט. עס האט געקענט צו יעדער צייט

פארקומען אן איינפאכער צופאל, אז עפעס זאל מאכען אונמעגליך פאר איין דעפוטאט פון דער רעגירונגס־מערהייט צו קומען אין פאר־לאמענט, און דאס זאל ענטשיידען אן אפשטימונג געגען דער רעגי־רונג. אויף אזא ארט איז געקומען צו א קריזיס אין עסטרייכישען פארלאמענט.

גלייכצייטיג אבער איז דער פאשיזם אין לאנד שטארקער געווא־רען מיט דעם, וואס דער פאשיסט עמיל פעי איז געוועזן זיכערהייטס־מיניסטער און איז געווארען דער אויפזעהער איבער דער פאליציי און די זשאנדארען.

מיר זעהען, אלזא, וואס עס האט ארויסגערופען דעם קריזיס — די אונמעגליכע לאגע אין עסטרייכישען פארלאמענט, וואו די רעגי־רונג האט ניט געקענט האבען קיין מערהייט שטימען, און וואס עס האט געשטארקט דעם פאשיזם אין לאנד. פון איין זייט האט די נא־ציאנאליסטישע כוואליע, וועלכע האט זיך אריינגעריסען פון דייטש־לאנד אויך אין עסטרייך, געבראכט צו דעם, אז די „גרויס־דייטשע“ פארטיי זאל ארויסטרעטען פון דער רעגירונג, און די רעגירונג זאל פארלירען איהר פריהערדיגע מעהייט אין פארלאמענט; פון דער אנדער זייט האט די „קריסטליך־סאציאלע“ פארטיי געפיהרט די רעגי־רונג מיט א מערהייט פון נאר איין שטימע אין פארלאמענט, אבי ניט צו פארבינדען זיך מיט דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי און ניט לאזען דעם ארבייטער־קלאס באקומען אן איינפלוס אויף דער מלוכה.

עס פארשטעהט זיך, אז לאנג האלטען זיך אויף א מערהייט פון איין שטימע האט די רעגירונג ניט געקענט. אבער די „קריסטליך־סאציאלע“ פארטיי האט איינגעזעהן, אז זי וועט באלד מוזען פאר־לירען אפילו די מערהייט פון איין שטימע. שוין אין יאהר 1932, ביי די וואהלען צו די לאנדטאגען (סטעיט אסעמבלים) און די שטאט פארוואלטונגען, האבען די „קריסטליך־סאציאלע“ פארלארען א גרויסען טייל פון זייערע וואוטערם צו די נאציאנאל־סאציאליסטען (נאצים, היטלעריסטען). נאך היטלער'ס גוואלטיגען זיג ביי די וואהלען פון 9טען מערץ פון יאהר 1933, איז די נאצישע כוואליע אין עסטרייך אויך פיל גרעסער געווארען.

די „קריסטליך־סאציאלע“ זיינען געוועזן פאר א פארלאמענטא־ריש־דעמאקראטישער ארדנונג אזוי לאנג ווי זיי האבען געקענט האבען א מערהייט אין פארלאמענט און רעגירען איבער'ן לאנד דורך א בונד פון אלע בורזשואזע פארטייען. עס איז אבער פאר זיי געווארען אלץ קלארער, אז ווייטער רעגירען אויף א פארלאמענטארישען, דעמאקרא־טישען וועג וועלען זיי קענען נאר דאן, ווען זיי וועלען זיך פארבינדען

אָדער מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אָדער מיט די נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטען (היטלעריסטען).

פאַרבינדען זיך מיט די סאָציאַליסטען האָבען זיי נישט גע־קענט. געגען דעם זיינען געווען די קלאַסען־אינטערעסען, וועלכע זיי פאַרטרעטען. פאַר א בונד מיט די היטלעריסטען ווידער, האָבען זיי זיך שטאַרק געשראָקען. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די היטלעריסטען וועלען זיי דערנאָך אויפפרעסען, ווי זיי האָבען דאָס געטאָן מיט די „דויטש־נאַציאָנאַלע" (נאַציאָנאַליסטען) אין דייטשלאַנד. די „קריסט־ליך־סאָציאַלע" האָבען איינגעזעהן, אַז אויף א פאַרלאַמענטאַרישען, דעמאָקראַטישען וועג וועלען זיי די מאַכט אין זייערע הענט ניט קענען איינהאַלטען. האָבען זיי באַשלאָסען איינצוהאַלטען די מאַכט אין זייערע הענט מיט אנדערע מיטלען, זיי האָבען זיך פאַרנומען אויפ'ן וועג געגען דער רעפּובליקאַנישער, דעמאָקראַטישער אָרדנונג. דאָלפוס איז צוגעקומען נעהענטער צום פאַשיזם.

אונטער דעם דירעקטען איינדרוק פון דעם גרויסען זיג, וואָס היט־לער האָט דעם 5טען מערץ פון יאָהר 1933 געהאַט אין דייטשלאַנד, האָט דאָלפוס באַשלאָסען צו מאַכען אין עסטרייך א מלוכה־איבערקע־רעניש. ער האָט זיך באַנוצט מיט עפּעס א קליינעם פאַל אין פאַר־לאַמענט, וואָס וואָלט אונטער אנדערע אומשטענדען געקענט ערלע־דיגט ווערען אין פאַרלויף פון 24 שעה, און האָט פאַנאַנדערגעלאָזען דעם פאַרלאַמענט.

דאָלפוס'עס רעגירונג האָט באַקומען אַן אומבאַשרענקטע מאַכט, איז געוואָרען דיקטאַטאָריש. מען האָט ארויסגעגראָבען א געזעץ פון יאָהר 1917, פון דער צייט פון דער מלחמה, אום צו געבען דער רע־גירונג אַזא אומבאַשרענקטע מאַכט. יענער געזעץ האָט געגעבען דער רעגירונג דאָס רעכט ארויסצוגעבען אַלערליי עקאָנאָמישע געזעצען און פאַראָרדנונגען, וועלכע זיינען געווען נויטיג ביים פיהרען די מלחמה, און ניט דאַרפען אָנפרעגען וועגען דעם ביים פאַרלאַמענט. מען האָט יענעם מלחמה־געזעץ אויסגעטייטשט ווי מען האָט געדאַרפט און אָנ־געווענדעט אויך אויף דער איצטיקער רעגירונג, צו רעגירען דורך דעקרע־טען, דורך באַפעהלען און פאַראָרדנונגען, דורכפיהרען אַלץ וואָס זי וויל, ניט אָנפרעגענדיג זיך ביים פאַרלאַמענט. און אום דער קאָנסטיטוציאָנע־לער געריכט זאָל נישט קענען בטל מאַכען א באַפעהל אָדער פאַראָרד־נונג פון דער רעגירונג אלס ניט־קאָנסטיטוציאָנעל, האָט מען איהם אויפגעלעזט. אויף אַזא אַרט האָט מען אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע פון דער רעגירונג און אויפגעשטעלט די דיקטאַטור פון דאָלפוס און עמיל פעי.

די דיקטאַטאָרישע רעגירונג האָט באַלד אָנגעהויבען א קאַמף אויף צוויי פראָנטען: געגען די נאַצים (היטלעריסטען) און געגען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען. דאָלפוס האָט אויפגעלעזט די היטלעריסטישע פּאַרטיי, פאַרשיקט איהרע פיהרער אין קאָנצענטראַציאָנס לאַגערן (פּריזאָן-קעמפּס) און פאַרמאַכט אַלע איהרע צייטונגען. גלייכצייטיג אָבער האָט דאָלפוס אויך אָנגעהויבען דעם קאַמף געגען די סאָציאַליסטען. און ווען היטלער האָט אויפגעלעזט די גרויסע דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, האָט דאָלפוס באַשלאָסען, אז דאָס איז דער גינסטיגסטער מאָמענט צו פאַרניכטען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אויך אין עסטרייך.

די דיקטאַטור האָט באַלד פאַרניכטעט אַלע פריוויהייטס-רעכט, וואָס די קאָנסטיטוציע האָט געהאַט פאַרזיכערט דעם עסטרייכישען פאָלק. די פרייהייט פון דער פּרעסע איז דערשטיקט געוואָרען. קיין שום וואָרט פון א געגנער איז אין דער פּרעסע מעהר נישט דערלאָזען געוואָרען. דאָס רעכט פון פאַרזאַמלונגען איז נאָך געבליבען — אָבער נאָר פאַר די רעגירונגס-פּאַרטייען. דער ריכטער איבער פּאָליטישע פאַרברעכענס איז געוואָרען די פּאָליציי. אָהן שום געריכטליכער אויספאָרשונג פלעגט מען פאַראורטיילען סיי סאָציאַל-דעמאָקראַטען, סיי נאַצים, אויף טערמינען ביז זעקס מאָנאַטען. פאַראורטיילען פלעגט די פּאָליציי אפילו פאַר קלייניגקייטען, פאַר א צווישען-רוף, פאַר א געגנעריש וואָרט אדער פאַר פאַרשפּרייטען א פלוגבלאַט (ליפלעט). די אזוי גערופענע „געריכטען פון די געשוואוירענע“ (א מין פאָלקס-געריכט, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון אַלטען עסטרייך) האָט פאַרלוירען יעדע ווירקונג. אויב דאָס געריכט פון געשוואוירענע באַפרייט עמיצען, קען מען אַפּעלירען צו א העכערען געריכט, וואָס באַשטעהט נאָר פון פּראָפעסיאָנעלע ריכטער.

גלייכצייטיג איז אָבער די דאָלפוס-דיקטאַטור אַרויס געגען אַלע באַזונדערע רעכט, וואָס די אַרבייטער און אָנגעשטעלטע האָבען זיך ערוואָרבען. אָפּמאַכען, וואָס זיינען געשלאָסען געוואָרען צווישען די אונטערנעמער און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס) האָט די רעגירונג צונישט געמאַכט. מען האָט גלייך גענומען שניידען די וועידזשעס פון די אַרבייטער. אויך די אונטערשטיצונג פאַר די אַרבייטסלאָזע האָט מען שטאַרק פאַרקלענערט. א טייל אַרבייטסלאָזע האָט מען אינגאַנצען אויפגעהערט אַרויסצוגעבען די אונטערשטיצונג. זעהר וויכטיגע שוץ-געזעצען, וואָס די אַרבייטער האָבען זיך אויסגעקעמפּט, זיינען שטאַרק פאַרערגערט געוואָרען. אין עטליכע צווייגען פון דער אינדוסטריע האָט מען אינגאַנצען פאַרבאָטען צו סטרייקען.

פאר יעדען סטרייק האט מען געקאנט ארעסטירען. מען האט אויפגע־לעזט די אזוי־גערופענע „ארבייטער־קאמערן“ (די העכסטע יוניאן אינסטאנציעס), וואס זיינען ערוועהלט געווארען פון ארבייטער און אנגעשטעלטע. מען האט אויך אויפגעלעזען די אזוי גערופענע „בעטריבס־ראטען“ (פראפעסיאנעלע פארטרעטערשאפטען פון געוויסע אונטערנעמונגען), וואס האבען עקזיסטירט אין די פאבריקען און אונטערנעמונגען, וואס געהערען צו דער מלוכה. אויף זייער ארט האט די רעגירונג באשטימט פארטרעטער פון איהר אייגענעם לאגער.

די רעגירונג האט אנגעהויבען א פינאנץ־מלחמה געגען דער ווינער סאציאליסטישער שטאט־פארוואלטונג. מיט דער הילף פון ספעציעלע געזעצען האט די רעגירונג צוגענומען ביי דער ווינער געמיינדע, ביי דער ווינער סאציאליסטישער שטאט־פארוואלטונג, מעהר ווי א דריטעל פון איהרע איינגאמען. די ווינער שטאט־פארוואלטונג איז שיער נישט דערפיהרט געווארען ביז צו א באנקראט. זי האט נישט געקאנט ווייטער פיהרען איהר גרויסע אויפבוי־ארבייט, איהרע נויטיגע עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען.

אויף אן אונפארשעמטען אופן פלעגט מען צווינגען אלעמען זיך אפצוזאגען פון די אייגענע פאליטישע איבערצייגונגען. די ארבייטער און די אנגעשטעלטע אויף די באהנען האט מען אנגעהויבען סטראשען, אז מען וועט זיי אפזאגען פון זייערע שטעלעס און אויף דעם וועג זיינען זיי געצוואונגען געווארען אריינצוטרעטען אין דעם אזוי־גערופענעם „פאטערלאנד־פראנט“, וואס די „קריסטליך־סאציאלע“ און די „היימוועהר“־פאשיסטען האבען געשאפען. די רעגירונג האט ארויסגעגעבען א פארארדנונג, אז פון איצט אן זאל מען ביי מלוכה־ארבייטען און בוי־ארבייטען באשעפטיגען נאר אזעלכע ארבייטער, וואס קומען מיט רעקאמענדאציעס פון די „היימוועהר“־ און „קריסטליך־סאציאלע“ יוניאנס. דאס זעלבע האט מען אויך געצוואונגען צו טאן זאגאר אלע פריוואט־אונטערנעמונגען, וואס פיהרען אוים מלוכה־באשטעלונגען. מיט אזעלכע פארארדנונגען האט מען אויף א געמיינער ארט געצוואונגען די ארבייטסלאזע אריינצוטרעטען אין די ארגאניזאציעס פון די רעגירונגס־פארטייען.

דער „היימוועהר“ איז געווארען א טייל פון דער מלוכה. די רעגירונג האט איהם געצאלט ווערידזשעס, האט איהם באטראכט ווי א הילפס־פאליציי, אדער הילפס־זשאנדארמעריע און האט איהם באשיצט דורך ספעציעלע געזעצען. אבער דער „היימוועהר“ האט גלייכצייטיג נעקאנט פריי פיהרען ווייטער זיין פאשיסטישען קאמף געגען דער דעמאקראטישער רעפובליק, וואס האט נאך דעמאלט עקזיסטירט אויפ׳ן פאפיר.

יעדען פרייטאג פלעגט פארקומען א מיטינג פון מיניסטארען־קאבינעט. און יעדען שבת האט מען געקענט לייענען וועגען פרישע באפעהלען פון דער רעגירונג, וואס שאפען אפ אלעמאל אנדערע פריי־הייטס־רעכט, וועלכע די קאנסטיטוציע האט גאראנטירט דעם עסטרייכישען פאלק. צענדליגער יאהרען האט מען געקעמפט פאר די באזונדערע געזעצען. איצט איז דאס אלץ פארניכטעט געווארען. מען האט אויך שטארק באשרענקט די רעכט פון די שטאטישע זעלבסט־פארוואלטונגען.

וואס לענגער דער דאזיקער צושטאנד האט געדויערט, אלץ מעהר און מעהר האט ער זיך פארוואנדעלט אין א צושטאנד פון פאלקאמער רעכטלאזיגקייט און געזעצלאזיגקייט, די קאנסטיטוציע איז יעדען טאג פון ס׳ניי געבראכען געווארען. דער וויס־קאנצלער פעי האט געהאט דעם מוט עפענטליך צוצוגעבען: „מיט פאראגראפען, מיט פונקטען פון דער קאנסטיטוציע קאנען מיר זיך איצט ניט שפילען“. די צייטונגען פון דער קריסטליך־סאציאלער פארטיי און די דייטשע צייטונגען, וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון אידען וואס האבען פארטראטען די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע, האבען אפלאדירט די אלע באפעהלען פון דער רעגירונג און יעדען געמיינעם ברוך פון דעם געזעץ און דער קאנסטיטוציע מיט דעם אויסרייד, אז דערמיט פארטיידיגט זיך עסטרייך געגען די נאצים. די רעגירונג האט געבראכען די קאנסטיטוציע, האט זיך אליין גענומען אזעלכע רעכט, וועלכע זי האט נאר געוואלט, און האט טאקע באלד אויפ׳ן ארט אויסגענוצט דיזעלבע געזעצען געגען דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. אפילו די זעלבסטשטענדיגקייט פון די געריכטען האט מען שוין אויך מעהר נישט געשוינט. טאמער האט א ריכטער ארויסגעגעבען אזא מין אור־טייל, וואס איז נישט געפעלען געווארען דער רעגירונג, האט מען איהם דערפאר אפגעשיקט אין קאנצענטראציאנס־לאגער.

איך וויל דא מיט איין איינציגען ביישפיל באלייכטען דאס סיס־טעם פון געזעצלאזיגקייט, וואס די דאלפוס־דיקטאטור האט איינגע־פיהרט. דעם 28טען יאנואר בייאנאכט איז אין דער שטאט עקענשטיין, אין דער פראווינץ קערנטען, פארגעקומען אויף דער גאס א צוזאמענ־שטויס צווישען צוויי אנגעשטעלטע פון דעם „לאנד־בונד“, און פינף לייט פון דעם „היימווערר“. די „היימווערר“־לייט האבען געשאסען אויף זייערע פאליטישע געגנער. באלד נאכדעם האבען זשאנדארען זיי ארעסטירט און מען האט זיי געבראכט פאר׳ן ריכטער דר. הראדעצקי. דער ריכטער האט צוויי פון די חברה־לייט פארהאלטען און פארפיהרט געגען זיי אן אויספארשונג. דעם 30טען יאנואר בייאנאכט זיינען

פלוצלונג אנגעקומען זשאנדארמען פון דער שטאט סט. וויט ביים טייבעל גלאן. זיי האבען געהאט מיט זיך א באפעהל פון דעם וויס־קאנצלער פעי באלד אויף דער שטעלע צו באפרייען די צוויי ארעס־טירטע „היימווערער“־לייט און ארעסטירען דעם ריכטער דר. הראדעצקי און אפשיקען איהם אין קאנצענטראציע־לאגער, ווייל ער האט געוואגט צו ארעסטירען מיטגלידער פון „היימווערער“. און אט אזוי איז עס טאקע געשעהן...

די עקעלהאפטסטע ראלע האט אין דער גאנצער צייט פון ברע־כען די קאנסטיטוציע געשפילט דער פרעזידענט פון דער רעפובליק מיקלאש. ווען ער איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט פון דער רע־פובליק, האט ער דאך פייערליך און אפילו רעליגיעז געשוואוירען, אז ער וועט אפהיטען די קאנסטיטוציע... עלף מאנאטען לאנג, זינט דאלפוס איז געווארען דיקטאטאר, פלעגט ער זיך שטענדיג באקלאגען, אפילו פאר סאציאל־דעמאקראטען, אז דאס געוויסען מאטערט איהם, וואס ער מוז דולדען די דיקטאטור, וועלכע שטימט נישט מיט דער קאנסטיטוציע... דאס אלץ פלעגט ער זאגען מיט זעהר א געריהרטער שטימע, און שטענדיג פלעגט ער באטאנען זיין קריסטליכקייט. לויט מיין מיינונג, האט ער גארנישט געדארפט „דולדען“ דעם ברוך פון דער קאנסטיטוציע. ער האט געקענט און געדארפט פאריאגען די קאנ־סטיטוציע־ברעכער פון דער רעגירונגס־באנק. ער האט געקענט ווידער איינשטעלען די קאנסטיטוציע, צו וועלכער ער האט אזוי פייערליך גע־שוואוירען צו זיין טריי. ער האט עס נישט געטאן. ער האט עס נישט געטאן אזוי לאנג, ביז עס איז געקומען דער בלוטיקער אויסברוך און געזעצלאזיגקייט האט פאלשטענדיג געזיגט.

די טאקטיק פון די סאציאליסטען געגען דער דאלפוס־דיקטאטור

לויט די רעזולטאטען פון די לעצטע וואהלען האט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי פארטראטען ניינציג פראצענט פון די וויענער ארבייטער און צוויי דריטעל פון דער גאנצער וויענער באפעלקערונג. זי האט געהאט הינטער זיך די גרעסטע מאיאריטעט אין די אינדוס־טריעלע צענטערס פון גאנץ עסטרייך און 41 פראצענט פון דעם גאנ־צען עסטרייכישען פאלק. און אט די ריזיגע פארטיי מיט איהרע 600,000 מיטגלידער און אנדערטהאלבען מיליאן וועהלער, איז זינט דעם 7טען מערץ 1933, זינט דעם מאמענט, ווען עס האט זיך אנגע הויבען די רעגירונגס־דיקטאטור, געווארען איינגאנצען אונמעכטיג. דער

פאַרלאַמענט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. די דיקטאַטאָרישע רעגירונג האָט דערשטיקט די צייטונגען, אָפּגעשאַפט די פאַרזאַמלונגס־פרייהייט, און מען האָט אפילו נישט געקענט מעהר פּראָטעסטירען געגען דער רעגירונג וואָס האַלט אין איין ברעכען אַלע געזעצען און רעכט. עס זיינען מעהר נישט געווען קיין שום געזעצליכע מיטלען זיך צו וועהרען געגען דער געזעצלאָזער דיקטאַטור.

די באַפעהלען און פאַראָרדנונגען פון דער דיקטאַטור האָבען זעהר שווער געטראָפען די אַרבייטער. לאָמיר נעמען א ביישפּיל. באַלד ווי די דיקטאַטור האָט זיך אָנגעהויבען, האָט זי אָפּגעשאַפט די אָבמאַכען פון די יוניאָנס פון די בוי־אַרבייטער. מען האָט געשניטען די וועי־דזשעס. אין א קורצער צייט ארום האָט מען גענומען שניידען די אונ־טערשטיצונגען פון די אַרבייטסלאָזע בויאַרבייטער, און ביי פילע פון זיי האָט מען די דאָזיגע אונטערשטיצונגען אינגאַנצען צוגענומען. אין דערזעלבער צייט האָט מען אויך ביי דער שטאָט וויען צוגענומען די פינאַנציעלע מעגליכקייט אָנצוגעהן ווייטער מיט איהר גרויסער בוי־אַרבייט. קיין פּריוואַטע בוי־טעטיגקייט עקזיסטירט נישט אין עסט־רייך. אויף אַזא אַרט האָבען די ווינער בוי־אַרבייטער געזעהן, אַז זיי וועלען איבער־א־יאָהר, צום נייעם סיזאָן, קיין אַרבייט מעהר נישט האָבען. אין דערזעלבער צייט זענען די אַרבייטען ארום דער רעגולי־רונג פון די טייכען און די גאַסען־אַרבייטען ארום וויען איבערגעגעבען געוואָרען דעם אַזוי־גערופענעם „פרייוויליגען אַרבייטס־דינסט", וואו אַרבייטער זיינען געווען געצוואונגען כלומרשט פרייוויליג אָפּצואַר־בייטען פאַר די אונטערשטיצונגען, וואָס מ'האָט זיי געגעבען. (דעם דאָזיגען „פרייוויליגען אַרבייטס־דינסט" האָט מען איינגעפיהרט לויט דעם היטלעריסטישען מוסטער). איצט האָבען די בוי־אַרבייטער פאַר־לוירען אויך יעדע האָפענונג אפילו ביי אַזעלכע אַרבייטען עפּעס צו פאַרדינען.

אויך די אַרבייטער פון אַנדערע פאַכען און טרעידס זענען שווער געטראָפען געוואָרען. אַזוי האָט מען ביי די מיינערס אָפּגעשאַפט דאָס אויסצאָהלען זייערע וויידזשעס אַלע פערצעהן טעג, נאָר מען האָט זיי גענומען אויסצאָהלען די וועידזשעס אַלע מאָנאַט. די מיי־נערס האָבען צוליב דעם פאַרלאָרען די מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען אַזוי גוט די באַזונדערע צוגאָבען צו זייערע וועידזשעס, און די אונ־טערנעמער האָבען דאָס ווי געהעריג אויסגענוצט פאַר זיך. די אינ־שורענס געגען קראַנקהייטען און עקסידענטס האָט מען שטאַרק גע־שניטען. ביי די אַרבייטער פאַרטרעטער האָט מען אָפּגענומען יעדע דעה ביים באַשטימען דעם שיקזאַל פון די אַרבייטער. אויסער דעם

אלעמען האָט מען די ארבייטער מיט נידערטרעכטיגע מיטלען גע־צוואונגען אריינצוטרעטען אין דעם „פאטערלאנד־פראָנט“ פון די רעגירונגס־פארטייען הויפטזעכליך האָט מען דערצו געצוואונגען די ארבייטסלאָזע.

די ארבייטער האָבען געפאָדערט פון זייער פארטיי הילף און שוץ. זיי האָבען נישט געקענט פארשטעהן, ווי אזוי א פארטיי, וואָס איז ערשט נעכטען געווען אזוי שטארק און מעכטיג, איז היינט געוואָרען אזוי אונמעכטיג. זיי האָבען געפאָדערט קאמף געגען דער דיקטאטור.

אָבער קיין געזעצליכע קאמף־מיטלען זענען מעהר נישט געווען. היינט מיט וועלכע מיטלען האָט מען געזאָלט פיהרען דעם דאָזיגען קאמף ?

פונקט ווי די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, האָבען אויך די עסטרייכישע ארבייטער געפיהלט, אז עס איז א שאנדע זיך אזוי אונ־טערצוגעבען דעם פאשיזם, ווי עס האָבען זיך אין דייטשלאנד אָהן קאמף אונטערגעגעבען סיי די מעכטיגע סאָציאל־דעמאָקראטישע פאר־טיי און סיי די גרויסע קאָמוניסטישע פארטיי. די עסטרייכישע אר־בייטער האָבען געפיהלט איצט אויף דער אייגענער הויט, ווי די רעאקציאָנערען זיינען געוואָרען חוצפה'דיגער און זיכערער ביי זיך צוליב דעם, וואָס די דייטשע ארבייטער האָבען זיך אזוי קאַמפלאָז אונטערגעגעבען. די עסטרייכישע ארבייטער האָבען גע־שוואוירען : „דאָס, וואָס עס איז פארגעקומען אין דייטשלאנד, טאָר ביי אונז נישט געשעהען“. זיי האָבען געפיהלט, אז קוים וועלען זיי זיך נים ארויסשטעלען ווי מענער, וואָס זיינען גרייט איינצושטעלען זייער לעבען צו פארטיידיגען די פרייהייט, וועט קיין פרייהייט נישט זיין. זיי האָבען ארגומענטירט אזוי: „א באנדע פון רוצחים, וואָס האָבען הינטער זיך נאָר א קליינע מינדערהייט פון פאָלק, פיהרט דעם קאמף געגען די סאָציאל־דעמאָקראטען און אויך געגען די נאציס, דאָס הייסט, געגען זיבעציג פראָצענט פון גאנצען פאָלק. די באנדע האָט צובראָכען די קאָנסטיטוציע, זי טרעט מיט די פיס די רעכט וואָס דאָס געזעץ האָט יעדען בירגער פארזיכערט. מיר זיינען בירגער פון דער מלוכה און האָבען דערפאר דאָס רעכט אָט די באנדע פון די געזעץ־ברעכער ארויסצוטרייבען און איינצושטעלען צוריק די דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציע“. און וואָס ווייטער, אלץ ברייטערע מאסען ארבייטער האָבען זיך געריסען צו אָן אויפשטאנד געגען דער דיקטאטור.

די פארטיי האָט גאנץ גוט געוואוסט, ווי געפעהרליך עס איז א רעוואָלוציאָנערער אויפשטאנד. מיר האָבען געוואוסט, ווי שווער עס איז דורכצופיהרען א געלונגענעם גענעראל־סטרייק אין א צייט, ווען א

דריטעל פון די ארבייטער איז גאָר ארבייטסלאָז. פיל פון זיי ארביי־טען שוין נישט זינט דריי, פיר אָדער פינף יאָהר. די נויט האָט זיי צעבראָכען און אינגאנצען אָפּגענומען ביי זיי דעם מוט און פארטונ־קעלט זייער באַוואוסטזיין. אין אזא לאַגע ציטערט דאָך יעדער ארביי־טער, וואס האָט נאָר אביסעל ארבייט, פאר זיין שטעלע. מיר האָבען געוואוסט, אז די דיקטאטור וועט טאָן אלץ, אום מיט געוואלט צו צוברעכען יעדען סטרייק. מיר האָבען אויך געוואוסט, אז יעדע, גענעראל־סטרייק וועט אין עטליכע שטונדען זיך מוזען פארוואנדלען אין א באַוואפּענטען קאמף. מיר האָבען געוואוסט, אז אין אזא מין קאמף וועט דער געגנער זיין א סך, א סך שטארקער פאר אונז, ווייל ער האָט אלע מאָדערנע קריגס־מיטלען, און מיר האָבען זיי נישט. מיר האָבען דעריבער אלץ געטאָן אויסצומיידען א באַוואפּענטען צוזאמענ־שטויס.

אין די ערשטע וואָכען נאָך דער מלוכה־איבערקערעניש פון דעם 7טען מארטש, 1933, האָבען עטליכע פון אונז, סאָציאל־דעמאָקראטען, נאָך געהאט די מעגליכקייט צו רעדען מיט דאָלפוס'ען. מיר האָבען איהם געזאָגט, אז מיר ווילען מיט איהם אונטערהאנדלען. מיר זיינען גרייט געווען מיט איהם צו רעדען וועגען דורכפיהרען ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע און אין די סטאטוטען פון דעם פּארלאמענט. דאָלפוס האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט אָנהויבען מיט אונז צו פארהאנד־לען אין די לעצטע טעג פון מארטש, 1933. דער סוף איז אבער גע־ווען, אז ניט נאָר האָט ער ניט אָנגעהויבען מיט אונז קיין שום פּאר־האנדלונגען, נאָר ער האָט אפילו שפּעטער ניט געוואָלט רעדען מיט קיין סאָציאל־דעמאָקראטען. ווען ער האָט ערקלערט, אז ער וויל ניט רעדען מיט די ביז איצטיגע פיהרער פון דער פּארטיי, האָט מען איהם אָנגעבאָטען צו רעדען מיט אנדערע פיהרער, וואָס זיינען איהם מעהר צום הארצען. דאָלפוס האָט אָבער די אנדערע אויך ניט געוואָלט אויפנעמען.

זיינען מיר אוועק אויף אנדערע וועגען, געפּרובט אָנווענדען אנ־דערע מיטלען. מיר האָבען אלץ געזוכט א קאָנסטיטוציאָנעלען אויס־וועג פון דער לאַגע. מיר האָבען זיך אָפּט געווענדעט צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. מיר האָבען פיל געגאָסען איבער'ן לאנד, וואס זיצען צוזאמען מיט מיטגלידער פון דער „קריסטליך־סאָציאלער" פּארטיי און פון דער רעפּובליק. אייניגע פון זיי זיינען אונזערע גע־נאָסען פערזענליך גוט באקאנט. מיר האָבען אויסגענוצט זייער איינ־פלוס צו געפינען א מעגליכקייט צו פארהאנדלען מיט דער „קריסטליך־סאָציאלער" פּארטיי. אונזערע גענאָסען האָבען טאַקע ניט איינמאָל

געפונען אין בורזשואזען לאגער מענער, וואס זיינען גרייט געווען צו פיהרען פרידליכע פארהאנדלונגען. אבער אלע פארזוכען זיינען דורכגעפאלען, ווייל דאלפוס איז געבליבען איינגעשפארט.

מיר האבען אלץ אויסגעפרובירט, אום צו געבען צו פארשטעהן די בורזשואזע פאליטיקער, וואס פאר א געפעהרליכע זאך עס איז צו פהירען א מלחמה אויף צוויי פראנטען, ווי דאלפוס פיהרט, א מלחמה אין איין צייט געגען די סאציאליסטען און געגען די נאצים. די דיקטאטור האט אלץ מעהר און מעהר פארביטערט די ארבייטער. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז מיר האבען גענומען מורא האבען, אז יונגע און ניט־ערפאהרענע ארבייטער וועלען ענדליך גאר אנהויבען באטראכטען די נאצים, ווי זייערע גענאסען, ווארים די נאצים ווערען דאך פונקט אזוי פארפאלגט פון דאלפוס'ען, ווי מיר. די רעגירונג האט פונקט אזוי ארעסטירט נאצים, ווי זי האט ארעסטירט סאציאל־דעמאקראטען. סאציאל־דעמאקראטען און נאצים זיינען צוזאמען געזעסען אין טורמע כאטש געגען זיי זענען ניט געבראכט געווארען קיין קלאגען אין געריכטען. יונגע, ניט־ערפאהרענע סאציאל־דעמאקראטען און נאצים האבען גאנץ איינפאך אנגעהויבען שליסען צווישען זיך א בונד. עס האט שוין פאסירט, אז ווען מיר האבען אריינגעשיקט צו אונזערע גענאסען אין געוויסע פאבען סאציאל־דעמאקראטישע ליפלעטס געגען די היטלעריסטען, האבען זיך איינגע פון זיי אפגעזאגט זיי צו פארשפרייטען. זיי האבען געזאגט, אז מען קעמפט דא איצט ניט געגען די נאצים; אז אין עסטרייך קעמפט מען איצט ניט געגען היטלער'ן, נאר געגען דאלפוס'ען.

דאס זיינען געווען זעהר געפעהרליכע צייכענס. מיר האבען אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם די בורזשואזע פאליטיקער, און זיי, פון זייער זייט, האבען דאס מיטגעטיילט דאלפוס'ען. מיר האבען זיי מיט אלע קרעפטען געזוכט איבערצואווייזען, אז זיי דארפען אויפגעבען זייער פארביטערטען קאמף געגען די סאציאל־דעמאקראטען, אום מיר זאלען מיט אונזער גאנצער קראפט פיהרען דעם קאמף געגען די נאציס. אבער וויפיל מיר האבען זיי ניט געווארענט, וויפיל מיר האבען מיט זיי ניט גע'טענה'עט, האט גארנישט געהאלפען. דאלפוס איז געבליבען איינגעשפארט ביי דעם, וואס ער האט זיך אריינגענומען אין קאפ, און האט אלץ געזאגט ניין און ניין.

יעדע געלעגענהייט האבען מיר אויסגענוצט און אויפמערקזאם געמאכט די בורזשואזע פאליטיקער, און דורך זיי די רעגירונג, אז די רעוואלוציאנערע שטימונגען צווישען די ארבייטער וואקסען פון טאג צו טאג, אז א ליאדע צופאל קען פיהרען צו א רעוואלוציאנערען אויס־

ברוך פון דעם אָנגעזאַמעלטען צאָרן געגען דער דיקטאַטור, אַז אַזאַ זאַך קען אַמאָל פּאַסירען אַפילו געגען דעם ווילען פון דער פּאַרטיי. וויפיל מיר האָבען ניט געוואָרענט, האָט דאָלפוס געהאַט נאָר איין ענטפער: „איך זעה ניט קיין שום געפאַהר. פאַר די איצטיגע פיה־רער וועלען זיך די ארבייטער מעהר ניט שלאָגען!“

מיר האָבען אָנגעבאָטען אַלץ לייכטערע באַדינגונגען. מיר האָבען אַלץ געזוכט א פרידליכען אויסוועג. מיר האָבען מיטגעטיילט דאָל־פוס'ען, אַז מיר זיינען גרייט צו געבען דער רעגירונג אויסערגעוועהנ־ליכע פּאָלמאַכטען אויף צוויי יאָהר. מיר ווילען אבער, אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערען אויף א געזעצליכען וועג. מיר האָבען נאָר געפאָדערט, אַז דאָס אַלץ זאָל געשעהן מיט דער מיטווירקונג פון אַן ענגער עקזעקוטיווע פון פּאַרלאַמענט און זאָל קאָנטראָלירט ווערען דורך דעם העכסטען קאָנסטיטוציע־געריכט. פון אונזער זייט האָבען מיר דער־פאַר געפאָדערט ניט מעהר ווי באַוועגונגס־פרייהייט פאַר אונזער פּאַרטיי. מיר האָבען אויך געפאָדערט, אַז דאָס פּאַרזאַמלונגס־רעכט זאָל ווידער איינגעפירט ווערען, און אויך פרייהייט פון וואָרט פאַר די צייטונגען. מיר זיינען אַפילו גרייט געווען אנטקעגענצוקומען דאָל־פוס'עס פּלאַן וועגען די אַזוי־גערופענע „באַרופסשטענדישע“ אָרגאַני־זאַציעס (אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרשידענע פאַכען, פּראָפעסיעס), פון דער געזעלשאַפט און פון דער מלוכה, אבי מ'זאָל נאָר קומען צו א פאַרשטענדיגונג. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. דאָלפוס האָט זיך פון אַלע פאַרהאַנדלונגען אָפּגעזאָגט.

דער בונד פון די רעליגיעזע סאָציאַליסטען און עטליכע קאַטוי־לישע דעמאָקראַטען האָבען זיך אַפילו געווענדעט צו דער קירכע, אַז זי זאָל זיין די פאַרמיטלערין וועגען א שלום. דער ווינער קאַרדינאַל (העכסטער קאַטוילישער גייסטליכער אין עסטרייך) איניצער, האָט געענטפערט מיט עטליכע פריינדליכע ווערטער, וואָס האָבען איהם צו גאָרנישט פאַרפליכטעט. אָבער דער פּאַפּסטליכער נונציוס (דער אַמ־באַסאַדאָר פון פּאַפּסט) פון וויען, און די קאַטוילישע בישאָפּס געלפּ־נער און וויץ האָבען מיט אַלע מיטלען געשטופּט די רעגירונג אויף דעם וועג פון פאַשיזם. איצט — האָבען זיי זיך געטראַכט — איז געקומען דער ריכטיגער מאָמענט פּטור צו ווערען פון די גאָטלאָזע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין וויען, און עסטרייך זאָל ווידער ווערען א קאַטוילישע מאַכט, א מיטעלפּונקט, מיט וועמעס הילף עס זאָל ווי־דער אויפגעריכט ווערען די קאַטוילישקייט אין מיטעל־אייראָפּע.

מיר האָבען ווייטער געמאַכט אָנשטרענגונגען. ביז צו דער לעצ־טער שעה האָבען מיר זיך נאָך אַלץ געמיהט אויסצומיידען א בלוטיגען

צוזאמענשטויס. אפילו נאָך מאָנטאג, דעם 12טען פעברואר, נאָכמי־טאג, האָבען סאָציאל־דעמאָקראטען פון דער פּראָווינץ נידער־עסטרייך געפירט אונטערהאנדלונגען מיט קריסטליך־סאָציאלע פּאָליטיקער און ארומגערעדט מיט זיי די מעגליכקייט נאָך אין דער סאמע לעצטער שטונדע אויסצומיידען דעם צוזאמענברוך. מיט עטליכע שטונדען שפּעטער זיינען שוין די דאָזיגע סאָציאל־דעמאָקראטען געווען ארעס־טירט.

,אָבער פונקט אזוי ווי מיר האָבען זיך ביז צו דער לעצטער שטונדע באמיהט אויפצוהאלטען דעם פרידען, אזוי האָבען מיר דאָך אויך זיך געמוזט רעכנען דערמיט, אז דער לעצטער, אנטשיידענדער קאמף וועט דאָך ניט אויסגעמידען ווערען. איין זאך האָבען מיר ביי זיך פעסט באשלאָסען זינט יענעם 7טען מערץ, 1933, ווען דאָלפוס האָט פּאנאנדערגעלאָזען דעם פּאַרלאמענט אָהן יעדען מעגליכען פארזוך צו ראטעווען די דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציע, וואָס מיר האָבען מיטגע־שאפען און פארטיידיגט פופצעהן יאָהר צייט: אז מיר וועלען פון פּלאץ ניט אוועק. מיר וועלען אָהן א קאמף ניט איבערגעבען די אר־בייטער אונטער דער פאשיסטישער דיקטאטור. מיר וועלען אָהן א קאמף אויך ניט אויפגעבען די פארטיי, די גרויסע שאפונג פון דריי ארבייטער־דורות.

מיר האָבען געוואוסט, אז דער אומגליקליכער קאמף געגען די שרעקליכע געוואלד־מיטלען פון דער מלוכה קען נאָר אין אזא פּאל געוואונען ווערען, ווען דער גאנצער ארבייטער־קלאס וועט מיטקעמפען, אלע — ביז צום סאמע לעצטען אינדוסטריע־ווינקעל פון עסטרייך. דאריבער האָבען מיר געוואָרט מיט אונזער סיגנאל אָנצוהויבען דעם קאמף ביז צו יענעם מאָמענט, ווען די דיקטאטור וועט שוין האָבען אָפּגעטאָן אזעלכע געמיינע טהאטען, וואָס וועלען אויפקאָכען דעם פאלקס צאָרען און די פאָלקס־ליידענשאפטען ביז צום העכסטען גראַד. אַן אויסערגעוועהנליכער פארטיי־מיטינג, וואָס איז פארגעקומען אין הערבסט, האָט באשלאָסען, אז א רוף צו א גענעראל־סטרייק דאַרף געגעבען ווערען אין די פאָלגענדע פיר פאַלען:

ערשטענס, ווען די רעגירונג וועט, געגען דעם געזעץ און געגען דער קאָנסטיטוציע, ארויפצווינגען אויף דער מלוכה א פאשיסטישע קאָנסטיטוציע.

צווייטענס, ווען די רעגירונג וועט אראָפּזעצען די קאָנסטיטוציאָ־נעלע שטאָטישע און סטעיט־פארוואלטונגען פון דער רויטער, סאָציאַ־ליסטישער וויען און וועט איבערגעבען די פארוואלטונג פון וויען אין די הענט פון א רעגירונגס־קאָמיסאַר.

דריטענס, ווען די רעגירונג וועט אויפלייזען אונזער פארטיי.

פערטענס, ווען די רעגירונג וועט אויפלעזען אדער „גלייכשאל־טען“ (אונטערארדענען צו איהר פאשיסטישען סיסטעם) די יוניאנס.

אין די אלע אויסגערעכענטע פיר פאלען דארפען די ארבייטער ענטפערען מיט א גענעראל־סטרייק.

דער דאזיגער באשלוס פון יענעם פארטיי־מיטינג איז מיטגע־טיילט געווארען די מאסען פון אונזערע ארבייטער. די „פיר פונק־טען“ זיינען אין דער ערשטער צייט אויפגענומען געווארען מיט צו־שטימונג. אבער וואס לענגער עס האט געדויערט די דיקטאטור, וואס שווערער איהרע שארפע פארארדנונגען האבען געטראפען די ארבייטער, אלץ מעהר האבען די ארבייטער געזעהן, אז די מלוכה פארשטארקט איהר מיליטערישע מאכט, אלץ מעהר האבען זיי גע־פיהלט, אז זייער אייגענע קאמפס־קראפט וועט צוריבען. די שטימען פון אומצופרידענע האבען זיך אנגעהויבען צו מעהרען; אין די פאברי־קען און אין די פארטיי־אפטיילונגען האט מען אלץ מעהר און מעהר געהערט דאסווארט פון די אומגעדולדיגע, די קאמפס־לוסטיגע. שטור־מיש האבען זיי געפאדערט: „לאמיר לענגער ניט ווארטען! אז איי־נער פון אייערע „פיר פאלען“ וועט פארקומען, וועלען מיר דאך שוין סאי ווי סאי ניט פעהיג זיין מעהר אויפצונעמען א קאמף. לאמיר אנהויבען צו שלאגען אזוי לאנג ווי מיר זיינען נאך פעהיג צו קעמ־פען! אויב ניט, וועלען מיר האבען דעמזעלבען סוף, ווי אונזערע גענאסען פון דייטשלאנד!“

פון מאנאט צו מאנאט האט זיך אלץ מעהר און מעהר פאר־שטארקט אין דעם לאגער פון דער פארטיי די שטימונג געגען דער פאליטיק פון דער פארטיי: געגען אונזערע שטענדיגע באמיהונגען צו פיהרען פארהאנדלונגען מיט דעם געגנער, ווי אויך געגען דעם ווארטען אויף איינעם פון די „פיר פונקטען“. פונדעסטוועגען האט די פיהרערשאפט פון דער פארטיי ניט אויפגעגעבען איהר ביז־איצטיגע פאליטיק. די פיהרערשאפט פון דער פארטיי איז געבליבען פעסט ביי איהר באשלוס נאר דעמאלט אנצוהויבען דעם לעצטען קאמף, ווען דער געגנער וועט איהם ארויסרופען מיט אזא מין טהאט, אז אלע וועלען שוין זעהן און פיהלען, אז עס איז בשום אופן ניט מעגליך געווען דעם קאמף אויסצומיידען.

צווישען היטלער׳ן און מוסאליני׳ן

ניט נאר געגען דער דיקטאטור פון דאלפוס און פעי האבען גע־קעמפט די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען. דער קאמף פון די

ארבייטער פון דעם קליינעם לאַנד איז אין דער אמת'ען געווען א פאַר־צוויפעלטער קאַמף געגען צוויי גרויסע לענדער: געגען דעם „דריטען רייך", ווי היטלער רופט דאָס איצטיגע דייטשלאַנד, און געגען מוסאָ־ליני'ס פאַשיסטישע איטאַליען. דאָס אריינמישען זיך פון די צוויי פאַשיסטישע גרויס־מאַכטען האָט געהאַט אן ענטשיידענדע ווירקונג אויף די געשעהענישען אין עסטרייך.

היטלער וויל אז עסטרייך זאָל „גלייכגעשאַלטעט" ווערען, זאָל אונטערגעאָרדענט ווערען זיין פאַשיסטישען סיסטעם. ער האָט שוועַר געטראָפען די עסטרייכישע פאָלקס־ווירטשאַפט מיט זיין פאָדערונג, אז א דייטשער דורכרייזענדער, וואָס וויל אריינפאָהרען קיין עסטרייך, מוז באַצאָהלען טויזענט מאַרק. דאָס האָט אונמעגליך געמאַכט, אז דייטשען זאָלען קענען אריינפאָהרען קיין עסטרייך. פון אָט דער פאַראָרדנונג האָבען צום שטאַרקסטען געליטען יענע געגענדען פון עסטרייך, וואָס זיינען אָנגעוויזען אויף'ן פאַרדינסט פון פרעמדע געסט. באזונדערס האָבען געליטען די פראָווינצען טיראָל, זאַלצבורג און קערנטען. די דאָזיגע סטעיטס געהען אונטער עקאָנאָמיש. קיין דייטשע געסט האָבען זיי מעהר ניט: א דייטש, וואָס וויל אריינפאָה־רען קיין עסטרייך, מוז דאָך צאָהלען א טעקס פון טויזענט מאַרק.

דייטשלאַנד שטיצט די נאַצישע באַוועגונג אין עסטרייך מיט גרויסע געלט־מיטלען. יעדער עסטרייכישער נאַצי, וואָס טרעט ארויס אויף דער גאַס מיט פראָפאַגאַנדע פאַר די נאַצים, באַקומט דערפאַר 20 שילינג. טאָמער ארעסטירט מען איהם דערביי, באַקומט ער פאַר יעדען טאָג, וואָס ער זיצט אין ארעסט, זעקס שילינג. דאָס איז טאָ־פעלט אזוי פיל, וויפיל עס מאַכט אוים אין עסטרייך די העכסטע סומע, וואָס אן ארבייטסלאָזער קען ווען עס איז באַקומען. אלע עסטרייכישע נאַצים, וואָס זיינען אנטלאָפען קיין דייטשלאַנד, זיינען דאָרטען צו־זאַמענגערופען געוואָרען, און מען האָט פון זיי געשאַפען דעם „עסטריי־כישען לעגיאָן". דער לעגיאָן האָט באַקומען א מיליטערישע אויסביל־דונג. אין זומער פון יאָהר 1933 האָט אפילו דאָלפוס מורא געהאַט, אז דער לעגיאָן וועט אריינמאַרשירען קיין עסטרייך.

דאָלפוס האָט געזוכט שוץ ביי מוסאָליני'ן. איטאַליע וויל ניט האָבען דייטשלאַנד פאַר א שכן. איטאַליע וויל דעריבער, אז עסטרייך זאָל ניט ווערען „גלייכגעשאַלטעט" פון היטלער'ן. אין זומער פון יאָהר 1933 איז דאָלפוס געפאָהרען צו מוסאָליני'ן אין דער איטאַליע־נישער שטאָט ריטשיאָנע. דאָרט האָט מען איהם פארזיכערט, אז איטאַליע וועט ניט נאָר דיפּלאָמאַטיש שטיצען עסטרייך, נאָר אז ווען מען וועט דאַרפען, וועט עסטרייך באַקומען אויך מיליטערישע שטיצע געגען דייטשלאַנד.

איטאליע וויל ניט, אז די נאציס זאלן הערשן איבער עסטרייך. איטאליע וויל אבער, אז אין עסטרייך זאל זיין פאשיזם, לויט דעם איטאליענישן מוסטער.

אין יאנואר פון יאהר 1933 זיינען געבראכט געווארען פון איטאליע גרויסע מאסען וואפען, אמוניציע און פארשידענע קריגס־מאטעריאלע גענוג אויף צו באוואפנען דערמיט א גאנצען ארמיי־קארפוס. די אלע זאכען זיינען געבראכט געווארען אין דער אמוניציע־פאבריק אין ווירטענבערג, פון דאנען האט מען זיי געדארפט ווייטער שיקען קיין אונגארן. די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען האבען ארויסגעבראכט פאר דער עפענטליכקייט די פאקטען וועגען די דאזיגע גרויסע וואפען־טראנספארטען. די וועסט־מלוכות (פראנקרייך און ענגלאנד) האבען ענערגיש געפאדערט, אז מען זאל די אלע וואפען צוריקשיקען קיין איטאליע. אין דער ווירקליכקייט, אבער, האט מען די אלע וואפען קיינמאל ניט צוריקגעשיקט. די וואפען זיינען צום טייל געבליבען אין די עסטרייכישע ארמיי־סקלאדען, טיילווייז זיינען זיי פארטיילט געווארען צווישען די „היימוועהר״־סאלדאטען.

אבער איטאליע האט די דאזיגע ערפאהרונג מיט די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען ניט פארגעסען. זינט די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען האבען מיטגעטיילט דער וועלט וועגען דעם וואפען טראנספארט פון איטאליע קיין אונגארן, זינט די סאציאל־דעמאקראטען האבען דעם דאזיגען טראנספארט טאקע פארהאלטען, האט איטאליע מיט אלע מיטלען געזוכט צו ברענגען צו דער פארניכטונג פון די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען. עסטרייך מוז ווערען פאשיסטיש, זי מוז זיך אריינפאסען אין דעם איטאליעניש־אונגארישען בונד. דער וועג פון אלע וואפען־טראנספארטען פון רוים, איטאליע, ביז בודאפעסט, אונגארן, מוז ווערען פריי. די גרופע פון איטאליע׳ס פארבינדעטע מלוכות, וואס איז אריינגערוקט צווישען טשעכאסלאוואקיע און יוגאסלאוויע, מוז זיין וואס שטארקער, און טאר ניט האבען קיין ריס, קיין אונטערברעכונג. אזוי האט מוסאליני באשלאסען.

מוסאליני האט ביי דער קאנפערענץ אין ריטשיאנע צוגעזאגט דאלפוס׳ען דיפלאמאטישע און מיליטערישע הילף געגען היטלער׳ן דערפאר האט ער באקומען דאלפוס׳עס צוזאג, אז ער וועט פארניכטען די סאציאל־דעמאקראטען.

דאלפוס האט געגען דער וואקסענדער נאצי געפאהר געזוכט די הילף פון מוסאליני׳ן, וועלכער וויל ניט דערלאזען, אז היטלער זאל איינשלינגען עסטרייך, ווייל ער וויל ניט האבען א פארשטארקטע

דייטשלאנד ביי די גרענעצען פון איטאליע. דאָלפוס האָט פאַרינגען זומער אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט מוסאָליני'ן אין דער איטאַליענישער שטאָט ריטשיאָנע. מוסאָליני האָט דעמאָלט צוגעזאָגט דאָלפוס'ען דיפּלאָמאַטישע און מיליטערישע אונטערשטיצונג געגען היטלער'ן, אָבער דאָלפוס האָט איהם דערפאַר געמוזט צוזאָגען, אז ער וועט פאַרניכטען די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

זינט יענער באַגעגעניש אין ריטשיאָנע רעגירט אין וויען איטאַליע. אין דער צייט פון דעם רעגירונגס־קריזיס, אין סעפּטעמבער פון יאָהר 1933 האָט דאָלפוס איין מאָמענט געטראַכט ארויסצוואַרפען פון זיין רעגירונג, צוזאמען מיט דער פּאַרטיי „לאַנדבונד“, אויך דעם מיניסטער פון די „היימווער“־פאַשיסטען, עמיל פעי. ווי נאָר דאָס איז באַקאַנט געוואָרען, האָט זיך באַלד אויף דעם באַלהאַוז־פּלאַץ (דעם פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך דאָס עסטרייכישע אויסלאַנדס־מיניסטעריום אין וויען) באַוויזען דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר פּרעציאָזי און האָט געגען דעם פּראָטעסטירט. דער „היימווער“ איז געבליבען אין דער רעגירונג, ווייל ניט דער עסטרייכישער פּרעזידענט האָט די דעה וועגען דעם, ווער עס דאַרף זיין א מיניסטער אין עסטרייך, נאָר דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר. איטאַליע האָט פינאַנסירט און באַוואָפענט די „היימווער“־פאַשיסטען און איטאַליע איז געווען פאַראינטערעסירט, זיי זאָלען בלייבען אין דער עסטרייכישער רעגירונג. זיי זיינען דאָך די געטרייסטע אַגענטען פון דעם איטאַליענישען פאַשיזם אין עסטרייך. דאָלפוס האָט טאַקע געקעמפט געגען די נאַציס אין נאָמען פון דער עסטרייכישער אומאָפּהענגיגקייט אָבער אין דער אמת'ען האָט ער פאַרוואַנדעלט עסטרייך אין אַן איטאַליענישער קאָלאָניע.

עס איז אפילו אמת, אז ביים סוף פון דעם יאָהר 1933 האָט דאָלפוס געפּרואווט קומען צו א פאַרשטענדיגונג מיט דייטשלאַנד הינטער איטאַליע'ס רוקען. ער האָט עס געטאָן צוליב די מערב־פּראָווינצען פון עסטרייך, וואָס זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די פרעמדע, די געסט פון דייטשלאַנד. דאָלפוס האָט מיטגעטיילט היטלער'ן, אז ער וויל מיט איהם פיהרען אונטערהאַנדלונגען, ער וויל קומען צו א פאַרשטענדיגונג מיט איהם. היטלער האָט באַשטימט אלס זיין פאַרטרעטער דעם הער האַביכט, דעמזעלבען, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם ניט־געזעצליכען, געהיימען קאַמף פון די נאַציס געגען דאָלפוס'ען. דאָלפוס האָט שטילשווייגענדיג צוגענומען די דאָזיגע באַליידיגונג און האָט איינגעלאַדען האַביכט'ן קיין וויען. דעם 8טען יאַנואַר האָבען אין וויען געדאַרפט פאָרקומען די אונטערהאַנדלונגען. האַביכט איז

געפלויגען קיין וויען אין א דייטשען עראָפּלאַן. אָבער פאַר דער שטאַט מעלקס, עטליכע מייל פון וויען, האָט מען איהם דורך ראַדיאָ מיטגע־טיילט, אז ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק. דאָס האָט פּעי ניט גע־וואָלט דערלאָזען, אז די אונטערהאַנדלונגען זאָלען פאָרקומען. פּעי איז נאָך א שווארץ־געלער מאָנאַרכיסט. (געמיינט זיינען מיט דעם די פאַרבען פון דער פאָהן פון דער אלטער עסטרייך.) ער וויל גאָר, אז א מיטגליד פון דער האַבסבורגער קייזערליכער פאַמיליע זאָל צוריק־קומען אויף דעם עסטרייכישען טראָן. ער וויל ניט, אז עס זאָל קומען צו א פאַרשטענדיגונג מיט די נאַצים. פּעי האָט דורכגעפיהרט א פול־שטענדיגע איבערקערעניש: אין דעמזעלבען טאָג, אין וועלכען די רע־גירונג האָט שוין געזאָלט אָנהויבען די אונטערהאַנדלונגען מיט די נאַ־צים, האָט זי גאָר ארויסגעלאָזט א מאַניפעסט מיט א רוף צום קאַמף ג ע ג ע ן די נאַצים.

פון איין זייט האָט דאָלפוס אָנגעהויבען צו פיהרען זיינע פאַר־האַנדלונגען מיט די נאַצים הינטער די פּלייצעס פון די „היימווער“־פאַשיסטען, פון דער אנדערער זייט האָט דער „היימווער“ געטאָן דאָסזעלבע, און געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די נאַצים הינטער דעם רוקען פון דאָלפוס... יעדער איינער פון די צוויי שותּפים פון דער דיקטאַטאָרישער רעגירונג האָט געוואָלט דעם צווייטען איבער־כיטרעווען. פּעי איז געוואָהר געוואָרען וועגען די פאַרהאַנדלונגען פון זיינע קאַמעראַדען מיט די נאַצים. האָט ער באַלד ארעסטירט דריי מאַן און האָט צונישט געמאַכט די אונטערהאַנדלונגען. עס זיינען ארעסטירט געוואָרען: דער פיהרער פון „היימווער“ גראַף אַלבערטי, דער פיהרער פון די נאַצים בראַונפעלד און פרינץ וואַלדעק־פּירמאָנט. דעם לעצטען האָט היטלער געהאַט געשיקט קיין עסטרייך. ווען גראַף אַלבערטי האָט אָנגעהויבען אויסצופּלוידערען, אז די אונטערהאַנדלונ־גען האָט ער אָנגעהויבען צו פיהרען מיט שטאַרהעמבערג׳ס וויסען (שטאַרהעמבערג איז דער סאַמע העכסטער פיהרער פון „היימווער“), האָט מען איהם פאַרשיקט אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דאָלפוס׳עס אינטערנאַציאָנאַלע שטעלונג איז איצט געווען זעהר צערודערט. אין אייראָפּע איז מען געוואָהר געוואָרען, אז ער, דאָלפוס, וועמען מען האָט באַטראַכט פאַר אַזא מוטיגען קעמפער פאַר עסטרייך׳ס אומאָפּהענגיגקייט האָט זיך גאָר געוואָלט אונטערגעבען צו דייטש־לאַנד. אייראָפּע האָט איצט איינגעזעהן, אז די „היימווער“־פאַשיס־טען זיינען שוין גאָרנישט אזעלכע קעמפער מיט די נאַצים, אויף וועל־כע מען קאָן זיך פאַרלאָזען, דערפאַר אָבער האָט זיך גאָר פאַרשטאַרקט די שטעלונג פון פּעי, וועלכער האָט צונישט געמאַכט די אונטערהאַנד־לונגען מיט די נאַצים.

אין עטליכע טעג ארום האט דער איטאליענישער געהילפס־מיניס־
טער פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, סואוויטש, געזאלט קומען
קיין וויען. דאלפוס האט איצט ניט גאנץ זיכער געוואוסט, ווי אזוי
זיינע איטאליענישע הערען וועלען איהם באהאנדלען. דאלפוס האט
מורא באקומען, אז איטאליע וועט איצט איינזעהן, אז עס איז פאר
איהר בעסער אליין צו כאפען א שמועס מיט היטלער'ן וועגען דער
צוקונפט פון עסטרייך.

אין אט אזא מין לאגע האט דאלפוס דעם 18טען יאנואר געהאל־
טען א רעדע, אין וועלכער ער האט אויפגעפאדערט די ארבייטער און
די „עהרליכע ארבייטער־פיהרער", אז זיי זאלען זיך האלטען אין „אי־
נערליכער גרייטקייט" מיטצוארבייטען ביים אויפבוי פון א „נייער
עסטרייך"; חוץ דעם, זאלען זיי זיין גרייט צו פארטיידיגען עסטרייך'ס
אומאפהענגיגקייט. די רעדע האט געהאט, ערשטענס, דעם צוועק
איינצושטילען די אינעוועניגסטע געגנער אין דער „קריסטליך־סאציא־
לער" פארטיי, וואס האבען געפאדערט א פארשטענדיגונג מיט די סאָ־
ציאל־דעמאקראטען. דאס האט דאלפוס טאקע דערגרייכט מיט עטליכע
שעהנע ווערטער פון זיין רעדע. דערצו האבען איהם די שעהנע ווער־
טער צו גארנישט פארפליכטעט. צווייטענס, האט די רעדע געדארפט
ווירקען אויף דעם איטאליענישען אמבאסאדאר, סואוויטש. די רעדע
איז געווען א וואונק מיט דעם גראבען פינגער: אויב איטאליע איז
ניט גרייט צו שטיצען איהם, דאלפוס'ען, מיט אלע מיטלען, קען ער א
דרעה טאן די לייצעס. ער קען זיך פארשטענדיגען מיט די סאציאל־
דעמאקראטען; אויב ער וועט עס טאן, וועט ער ווערען אומאפהענגיג
פון די „היימווערער"־פאשיסטען. איצט וועט ער ווידער האבען די
מעגליכקייט אפצורוקען זיך פון איטאליע און זוכען שוץ געגען נאצי־
דייטשלאנד גאר ביי פראנקרייך און דעם „קליינעם אנטאנט" (דעם
בונד פון די קלענערע מלוכות, די פארבינדעטע פון פראנקרייך:
טשעכאסלאוואקיע, יוגאסלאוויע און רומעניע).

אין דעמזעלבען טאג, ווען די דערמאנטע רעדע פון דאלפוס'ן איז
פארעפענטליכט געווארען אין די צייטונגען, איז סואוויטש געקומען
קיין וויען. מיט עטליכע טעג שפעטער איז קלאר געווארען אז סוא־
וויטש און דאלפוס זיינען שוין געקומען צו א פארשטענדיגונג. איטא־
ליען האט פארזיכערט דאלפוס'ן, אז זי וועט איהם ווייטער שטיצען.
דאלפוס האט דערפאר צוגעזאגט, אז ער וועט פון איצט אן פיהרען א
ריין פאשיסטישע פאליטיק. מיט עטליכע שארפע „אנטי־מארקסיס־
טישע" טאטען האט ער באלד צונישט געמאכט די פאר איהם אומ־
באקוועמע אויסטייטשונגען פון זיין לעצטער רעדע. איין טאט איז

געווען, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען א פאַראָרדנונג, אז ארבייטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין פרייע יוניאָנס, קאָנען ניט באקומען קיין ארבייט ביי דער מלוכה.

דעם 28טען יאנואר איז פאָרגעקומען א מיטינג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי־עקזעקוטיווע. דער מיטינג האָט גענומען א שטעלונג צו דאָלפוס'ער רעדע פון 18טען יאנואר. דער מיטינג האָט ערקלערט, אז די פארטיי איז גרייט צו פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען א נייער קאָנסטיטוציע, און אויך אז די פארטיי איז גרייט מיטצוארבייטען צו באשיצען עסטרייך'ס אומאָפּהענגיגקייט. דער מיטינג האָט געשטעלט בלויז צוויי באדינגונגען: ערשטענס, דאָס גלייכע וואהלרעכט טאָר ניט אָפּגעשאפט ווערען. דאָס דאָזיגע וואהל־רעכט איז די פארקערפּערונג פון דער פאָלקס־הערשאפט און פון די גלייכע פּאָליטישע רעכט פון די ארבייטער, זיי האָבען זיך דאָס ער־וואָרבען אין פארלויף פון צענדליגער יאָהרען פון שווערען קאַמף. צווייטענס, עס טאָר ניט אָנגעריהרט ווערען דאָס רעכט פון די ארביי־טער זיך צו פאראייניגען אין פרייע יוניאָנס. די צייטונגען פון דער רעגירונג האָבען געענטפערט מיט געלעכטער. אלגעמיינע און גלייכע וואהלרעכט, רעכט פון פרייער פאראייניגונג פאר די ארבייטער, — דאָס זיינען אלץ זעהר שעהנע זאכען, אָבער אין דער נייער עסטרייך איז נישטאָ מעהר קיין פּלאַץ פאר דעם.

עס זיינען פארעפענטליכט געוואָרען די הויפּט־פּונקטען פון א נייער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אויסגעארבייט געוואָרען פון דר. ענדער. אין דער דאָזיגע קאָנסטיטוציע האָט זיך מעהר ניט גערעדט וועגען א פּאַרלאַמענט, וואָס ווערט אויסגעקליבען ביי אלגעמיינע פאָלקס־וואהלען. מיניסטער שמיץ, האָט אין דער „קריסטליך - סאָציאַלער" הויפּט־צייטונג אויפגעקלערט, אז אין דער נייער עסטרייך וועלען מעהר ניט זיין קיין פרייע יוניאָנס. עס וועלען זיין בלויז „האלב־מלוכה'שע" אָרגאַניזאציעס, לויט דעם מוסטער פון דער איטאַליענישער „קאָרפּאָ־ראַציע־סיסטעם". עס וועלען ניט טאָרען מעהר פאָרקומען קיין סטרייקס. די מלוכה וועט זאָגען דאָס לעצטע וואָרט אין אלע פראגען וועגען וועידזשעס. איצט איז שוין קלאָר געוואָרען, אז די דיקטאטור האָט זיך צוגעגרייט איינצופיהרען א הונדערט־פּראָצענטיגען פאשיזם.

דער פאשיזם געהט ארויס אין קאַמף

אין דער ערשטער וואָך פון פעברואר האָבען די „היימווערער"־פאשיסטען אָנגעהויבען דורכפיהרען דעם פאשיזם אין זיין גאנצען פאַרנעם.

אין דער פּראָווינץ טיראָל האָט מען געמאַכט דעם אָנהויב. מען האָט מאָביליזירט דעם טיראָלער „היימווערער״. באַוואָפנטע „היימ־ווערער״־פאַשיסטען האָבען אַריינגעמאַרשירט אין דער הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ און אין פיל אַנדערע שטעט. דער „היימווער״ האָט געשטעלט פאָדערונגען צום לאַנדעס הויפּטמאַן (גאָווערנאָר) פון טי־ראָל, אַז די פּאַרטיי פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זאָל אויפגעלעזט ווערען, און די „קריסטליך־סאָציאַלע״ פּאַרטיי זאָל זיך אַליין אויפלע־זען. פּאַרטייען טאָרען פון איצט אָן מעהר ניט עקזיסטירען. די קאָנ־סטיטוציאָנעלע סטעיט־רעגירונג דאַרף אָפּגעשאַפט ווערען. אויף איהר אָרט דאַרף געשאַפען ווערען אַן עקזעקוטיווע פון די פאַשיסטישע מילי־טערישע קערפּערשאַפטען. אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שטאָט־פאַר־וואַלטונגען דאַרפען צוטריבען ווערען.

אויף דעם האָט דער גאָווערנאָר פון טיראָל ערקלערט, אַז ער קען ניט אָננעמען קיין פאָדערונגען, וואָס זיינען ניט קאָנסטיטוציאָנעל. האָבען די „היימווערער״־פאַשיסטען אויף דעם געענטפערט, אַז זיי וועלען אַזוי לאַנג בלייבען באַוואָפנט און האַלטען באַזעצט די שטעט, ביז זיי וועלען דורכפיהרען אַלע זייערע פאָדערונגען. עס איז אפילו אמת, אַז די מלוכה־מאַכט האָט לייכט געקענט אַנטוואָפנען די „היימ־ווערער״־פאַשיסטען. אין דער שטאָט אינסברוק איז דער גאַנצער „היימווערער״ באַשטאַנען פון 800 מאַן. די מלוכה־מאַכט האָט עס אָבער ניט געטאָן. דאָלפוס איז שוין איצט געשטאַנען אין אָפענעם קאַמף סיי מיט די נאַציס און סיי מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען ווי־זשע האָט ער זיך געקענט אַריינלאָזען אויך אין אַ מלחמה מיט דעם „היימווערער״?

אין די קומענדע עטליכע טעג איז דער „היימווערער״ מאָביליזירט געוואָרען אויך אין די אַנדערע עסטרייכישע פּראָווינצען. אומעטום האָט דער „היימווערער״ באַוואָפענט אַריינגעמאַרשירט אין די הויפּט־שטעט, אומעטום זיינען געשטעלט געוואָרען דיזעלבע פאָדערונגען צו די גאָ־ווערנאָרס.

אין דערזעלבער צייט, ווען די פאַשיסטען האָבען אַרונטערגעוואָר־פען אונטער זייערע שטיוועל די רעגירונג פון די עסטרייכישע סטעיטס, האָט זיי פעי אַלס דער הויפּט פון דער פּאָליציי גענומען צוהעלפען. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך גענומען אַנטוואָפענען דעם רעפּוב־ליקאַנישען „שוצבונד״, די איינציגע באַוואָפענטע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשטאַנען קעגען די „היימווערער״־פאַשיסטען.

אין שוועכאַט, ניט ווייט פון ווין, האָבען די זשאַנדאַרען פאַר־כאַפּט אַ גרויסען וואָפען־סקלאַד פון די אַרבייטער. פאַר פעי׳ען איז

דאָס געווען אַ גוטער אויסרייד דורכצופיהרען רעוויזיעס, הויז־זוכונגען אין אַלע אַרבייטער־היימען. זוכענדיג וואַפען, האָט ער שוין שטענדיג אין איין וועגס אַרעסטירט די פיהרער פון דעם „שוצבונד". זונטאַג, דעם 11טען פעברואַר, האָט פעי עפענטליך מיטגעטיילט, אַז דער וואַפען־סקלאַד אין שוועכאַט איז אַ באַווייז, אַז דאָס איז אַ „פאַרשווע־רונג פון מאַרקסיסטיש־באָלשעוויסטישע פאַרברעכער", וואָס ווילען אומוואַרפען די מאַכט פון דער מלוכה. דאַריבער וועט ער איצט אַרויס געגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אָהן קיין שום ריקזיכט. עס איז קלאָר געווען, אַז די וואַפען, וואָס מען האָט געפונען אין שוועכאַט, האָבען פאַר פעי'ען געדאַרפט זיין דערזועלביגער אויסרייד, ווי די שריפה פון דעם רייכסטאַג אין בערלין איז געווען פאַר היטלער'ן.

די אַרבייטער זיינען שטאַרק אויפגערודערט געוואָרען. זיי האָבען איצט גאַנץ קלאָר געזעהן, אַז מען זוכט זיי צו אַנטוואַפענען און צו אַרעסטירען די פיהרער פון זייער „שוצבונד" אין דעמזעלבען מאָמענט ווען די „היימווער"־פאַשיסטען טרעטען מיט זייערע שטיוועל אויף די רעגירונגען פון די עסטרייכישע סטעיטס. די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון לאַנד געהט אַריבער אין די הענט פון די פאַשיסטען. די שטונדע פון דער אַנטשיידונג איז געקומען! די אַרבייטער האָבען געטראַכט ביי זיך: פון דעם מאָמענט אָן טאָרען מיר שוין מעהר ניט דערלאָזען, אַז מען זאָל ביי אונז צונעמען אונזערע וואַפען. קוים נעמט מען ביי אונז צו אונזערע וואַפען, ווועלען מיר זיין אונפעהיג צום קאַמף אין דער נאָהענטער שטונדע פון דער גרויסער אַנטשיידונג.

די עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי האָט די אַרבייטער געוואָרענט. די פאַרטיי האָט נאָך אַלץ געוואָלט אַזוי לאַנג אויסמיידען דעם קאַמף, ביז די רעגירונג וועט ניט טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט א ו י פ־ ט ר י י ס ל ע ן ד י ג אַ נ צ ע מ אַ ס ע פון די אַרבייטער, וואָס וועט אויפקאָכען די פאָלקס־ליידענשאַפטען ביז צו דער העכסטער מאָס. איז אָבער שוין די אויפרעגונג פון די גרויסע מאַסען אַרבייטער געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקוקט אויף די וואָר־נונגען פון דער פּאַרטיי עקזעקוטיווע. די „היימווער"־פאַשיסטען האָבען אַריינגעמאַרשירט אין דער שטאָט לינץ, זיי האָבען, ווי אומע־טום פריהער, איבערגעגעבען דעם גאָווערנאָר פון דער פּראָווינץ אָבער־עסטרייך זייערע פאַשיסטישע פאָדערונגען. צוויי טעג שפּעטער האָ־בען זיך די „היימווער"־פאַשיסטען אַריינגעריסען אין לינצער אַרביי־טער־היים און האָבען אויך דאָ געוואָלט פאַרנעמען די וואַפען, פּונקט ווי זיי האָבען עס געטאָן אין שוועכאַט.

דאָס האָבען אבער די מיטגלידער פון לינצער „שוצבונד“ שוין מעהר ניט דערלאָזט. זיי האָבען זיך גענומען פארטיידיגען.
דער שטורם איז אויסגעבראָכען.

די טעג פון קאַמף

עס איז נאָך ניט מעגליך גענוי איבערצוגעבען, ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דער בלוטיגער אויפשטאנד פון די עסטרייכישע ארבייטער. הונדערטער ארבייטער שמאכטען איצט אין די געפענגענישען פון דער ווינער הענקער רעגירונג, טויזענטער האָבען זיך דערווייל ארויסגעראַטעוועט. סיי די, וואָס זיינען ארעסטירט, און סיי די, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט און זיינען אנטלאָפען, וועלען שווער באשטראָפט ווערען, אויב מיר וועלען איצט איבערגעבען אלע פאקטען פון דעם קאַמף. נאָר אין אלגעמיינע שטריכען איז עס דערווייל מעגליך איבערצוגעבען די געשיכטע פון יענע טעג, איינצעלהייטען מוזען מיר דורכלאָזען.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם, וואָס די ארבייטער האָבען אוועקגעלייגט די ארבייט, ערקלערט א גענעראל־סטרייק. אבער מען קען אויף קיין פאל ניט זאָגען, אז דער גענעראל־סטרייק איז אינגאנצען געלונגען.

די גרעסטע צאָהל באַהן־ארבייטער האָבען אָפּגעזאָגט אונזערע האָפענונגען. די באַהן־ארבייטער זיינען אמאָל געווען דער סאַמע בעסטער טייל פון דער עסטרייכישער ארבייטער־באַוועגונג. אבער די געשעהענישען פון די לעצטע יאָהרען האָבען זיי צוריבען. פון הונדערט טויזענט מענשען וואָס זיינען געווען באשעפטיגט ביי די באַהנען, זיינען אין פארלויף פון עטליכע יאָהר 42 טויזענט אָפּגעזאָגט געוואָרען. היינט ארבייטען ביי די באַהנען נאָר 58 טויזענט. צוויי פינפטעל פון די באַהן־ארבייטער האָבען, הייסט עס, פארלוירען זייערע שטעלעס. זינט דער דאָזיגער שרעקליכער בלוט־אָפּצאַפּונג, ציטערט יעדער באַהן־ארבייטער פאר זיין דזשאָב. זיי ווייסען דאָך, די באַהן־ארבייטער, אז מען גרייט זיך נאָך ווייטער אָפּצוזאָגען ארבייטער פון זייערע שטעלעס. דער שרעק צו בלייבען ארבייטסלאָז האָט צוגענומען ביי די ארבייטער דעם מוט. די דיקטאַטור האָט צוקלאַפּט די אָרגאַניזאַציעס פון די באַהן־ארבייטער. די פאַרוואַלטונג פון די באַהנען קען איצט מאַכען מיט די ארבייטער, וואָס זי וויל. זיי זיינען אָנגעשראָקען, די באַהן־ארבייטער, האָבען פארלוירען יעדען מוט. זיינען זיי געבליבען ביי דער ארבייט אין דער צייט ווען די קאַנאָנען האָבען געדונערט אין שטאָט און צוריסען די באַריהמטע שטאָטישע הייזער פאר ארבייטער,

וואס די סאציאליסטישע שטאט־רעגירונג פון וויען האט אויפגעבויט. די באהנען האבען זיך ניט אפגעשטעלט, און דאס האט זעהר שווער געמאכט דעם וויטערדיגען גאנג פון דעם גענעראל־סטרייק.

עס איז א באוואוסטע זאך, אז ביי אלע פרהיערדיגע קאמפען פון די עסטרייכישע ארבייטער איז דאס אפשטעלען פון די באהנען געווען שטענדיג דער וויכטיגסטער צייכען פאר אלע ארבייטער, אז דער קאמף האט זיך אנגעהויבען. דאס מאל איז דיזער וויכטיגער צייכען ניט געקומען. אין פילע געגענטען פון עסטרייך, וואס זיינען ווייט פון וויען, האט מען זיך וועגען דעם אויסברוך פון סטרייק דערוואוסט ערשט זעהר שפעט. פארוואס דער סטרייק איז אויסגעבראכען, — וועגען דעם האט מען אינגאנצען ניט געוואוסט. אויף אזא ארט האבען זיך גאנצע געגענטען פון עסטרייך ניט באטייליגט אין דעם קאמף.

אבער אויך אין א רייהע אנדערע אונטערנעהמונגען איז די אר־בייט ניט אפגעשטעלט געווארען. זעהר פיל האט דער קאמף געליטען אויך דערפון וואס די בורזשואזע צייטונגען זיינען ארויסגעגאנגען אין די טעג פון דעם גענעראל־סטרייק. די פארגאנגענע טעג האבען אונז ערשט ריכטיג געלערענט, ווי שווער עס איז צו פיהרען אן אלגעמיינעם סטרייק, נאכדעם ווי די ארבייטסלאזיגקייט האלט שוין אן אזא לאנגע צייט. אבער די ארבייטער, וואס האבען זיך ניט באטייליגט אין דעם סטרייק, האבען שוין איצט באקומען א גוטען לעסאן ווי אזוי א זיג־רייכע רעאקציאנערע רעגירונג באהאנדעלט ארבייטער, פאר וועלכע זי האט פארלוירען יעדע אכטונג, זעהענדיג זייער שוואכקייט אין דעם היסטארישען מאמענט פון קאמף.

עס איז א ביטערער אמת, אז דער אלגעמיינער סטרייק איז טאקע ניט אינגאנצען געלונגען. דערפאר איז אבער דער באוואפענטער אויפ־שטאנד פון דעם רעפובליקאנישען „שוצבונד" געוואלטיג שעהן און רייסט מיט און באגייסטערט יעדען איינעם, ווער עס הערט נאר וועגען איהם. אמת איז, אז אויך דער אויפשטאנד איז ניט געווען אזוי פאל־קאמען, ווי ער האט געדארפט זיין. עטליכע פון די פיר און צוואנציג וויענער דיסטריקטס האבען זיך ניט צוגערירהט צו קיין וואפען. גע־שעהן איז עס אבער דערפאר, וויל שוין זינט עטליכע טעג זיינען פארגעקומען אבלאוועס, הויז־זוכונגען און ארעסטען. מען האט גע־זוכט וואפען, מען האט ארעסטירט די פיהרער פון „שוצבונד". צוליב דעם האבען אין די טעג פון קאמף געפעהלט גראד יענע מענשען, וואס האבען געוואוסט, וואו עס געפינט זיך געוועהר. בלויז אין אייניגע טיילען פון וויען האבען די פיהרער פון „שוצבונד" גאנץ איינפאך פארלוירען דעם מוט ארויסצוגעהן אין אן אפענעם קאמף. דארט אבער,

וואו דער „שוצבונד“ איז ארוים אין אָפענעם קאמף, האָט ער זיך גע־האַלטען מוטיג און שעהן, צום באוואונדערען. עס האָט ניט געפעהלט קיין העלדענמוט עס האָט ניט געפעהלט קיין איינגעשפּאַרטקייט ביי די בראַווע קעמפּפער. אפילו דאַלפוס אליין האָט אין איינער פון זיינע רעדעס, דעם 17טען פעברואר, געמוזט דערמאָנען די העלדישקייט, דעם וואונדערליכען מוט פון די קעמפּפער פון „שוצבונד“.

דער קאַמף ארום דער ארבייטער־היים פון אָטאַקרינג (אַן ארבייטער־דיסטריקט פון וויען), דער קאַמף ארום דעם קאַרל מארקס־הויף (דעם גרעסטען הויז אין וויען, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שטאָט־פּאַרוואַלטונג פון וויען האָט אויפגעבויט), דער פיר־טאָגיגער קאַמף ארום דעם דיסטריקט מיידלינג, ארום זימערינג, ארום קייזערמיהלען, און הויפּטזעכליך ארום דעם גרויסען ארבייטער־דיסטריקט פלאָרים־דאָרף, די שלאַכטען אין די שטעט שטייער און ברוק, די גאַסען־שלאַכ־טען אין דער שטאָט לינץ, — די אַלע געשעהענישען געהערען צו די גרעסטע, צו די העלדישסטע קאַמפען פון דער רעוואָלוציאָנערער גע־שיכטע פון אַלע צייטען און פון אַלע לענדער.

מיט וואָס פאַר א געשעהעניש אין דער געשיכטע זאָל מען פאַר־גלייכען די רעוואָלוציאָנערע וויענער טעג?

ווען עס איז פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד פון די פּאַריזער אַר־בייטער אין יאָהר 1871 (די „פּאַריזער קאָמונע“), איז עס געוועזען באַלד נאָכדעם, ווי דייטשע מיליטער האָט באַלאַגערט פּאַריז. דאָס גאַנצע פאָלק פון פּאַריז איז אין יענער צייט נאָך געווען באוואָפענט. די „קאָמונע“ האָט געהאַט אין איהרע הענט א סקלאַד פון קריגס־מאַטעריאַלען, וואָס האָט געקאָנט זיין גענוג אויף צו באוואָפענען 200,000 מענשען. די פּאַריזער ארבייטער האָבען אין יענער צייט פאַרמאָגט הונדערטער קאַנאָנען. די באוואָפענונג איז ניט געווען אזא אומגלייכע, ווי אין די שרעקליכע וויענער טעג. אין די דאָזיגע פיר שרעקליכע טעג אין וויען האָבען דאָך די ארבייטער געקעמפּט מיט אַלטע געוועהר געגען נייע לייכטע קאַנאָנען און שווערע האַרמאַטען פון דער עסטרייכישער ארמיי.

ווען די ארבייטער פון לענינגראַד האָבען אין מערץ פון יאָהר 1917 געמאַכט אן אויפשטאַנד געגען דער צארישער הערשאַפט, איז רוסלאַנד שוין געווען באַזיגט אין דעם גרויסען וועלט־קריג. דאָס צאַרישע מיליטער איז באַשטאַנען פון מאָביליזירטע פּויערים און אַר־בייטער, און א גרויסער טייל פון זיי איז אין פאַרלויף פון קאַמף אַרי־בערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערען. אין וויען האָ־בען די ארבייטער געהאַט געגען זיך אַן ארמעע פון געדונגענע סאָלדאַ־

טען, וואָס האָבען געקעמפּט ביז צו דער לעצטער שטונדע אונטער דער שטרענגער אָנפיהרונג פון זייערע אָפּיצערען.

ווען די ארבייטער פון לענינגראַד זיינען צום צווייטען מאָל אויפ־געשטאַנען אין נאָוועמבער 1917 (די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע), זיינען שוין די סאָלדאטען איבערהויפּט געווען אויף זייער זייט. די קערענסקי־רעגירונג איז באַשיצט געווארען בלויז פון עטליכע קאָמפּאַ־ניעס יונגע אָפּיצערען.

און אַט אזוי קען מען דעם קאמף פון די עסטרייכישע ארבייטער ניט פארגלייכען מיט קיין שום גרויסער רעוואָלוציע פון דער לעצטער צייט. די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער האָבען אין ערגעץ ניט אויסגע־האַלטען אזוי לאַנג געגען אַזאַ מין טעכנישער איבערמאַכט פון זייער שונא. אין ערגעץ האָבען זיי ניט געקעמפּט אזוי איינגעשפּארט און אזוי העלדיש ווי אין די ווינער טעג.

דער שונא האָט געהאַט מיליטערישע פיהרער, וואָס זיינען ספּע־ציאַליסטען אין דעם פאַך. דער „שוצבונד" ווידער האָט ניט געהאַט קיין אָפּיצערען. די אַלטע קאַפּראַלען און סארדזשענטס (אונטער־אָפּיצירען, פעלדפעבעלס) פון דער צייט פון דער וועלט־קריג האָבען געזאָלט פארנעמען דעם פּלאַץ פון די אָפּיצערען. אָבער זיי זיינען ארעסטירט געווארען פ א ר דער שלאַכט. די מענער, וואָס האָבען פארנומען זייער פּלאַץ, זיינען געווען יונגע מענשען אָהן קיין שום קריגס־ערפאַהרונג. אויך די צענטראַלע אָנפיהרונג פון קאמף איז ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך. אין דעם ערשטען טאָג פון אונזער קאמף האָבען מיר אויף גיך צוזאמענגעשטעלט א צענטראַלע אָנפיהרונג פון קאמף. אבער דער געגענט פון וויען, וואו זי האָט זיך געפונען, איז באַלד ארייננעפאַלען אין די הענט פון דעם רעגירונגס־מיליטער. שוין אין דעם צווייטען טאָג פון קאמף איז איבערגעריסען געווארען יעדע פארבינדונג צווישען דער צענטראַלער קאמף־אָנפירונג און די קעמפּפענדע גרופּען אין פארשידענע שטאָט־טיילען. דאָס רעגי־רונגס־מיליטער האָט אָפּגעשלאָסען פארשיידענע טיילען פון שטאָט. יעדע קאמף־גרופּע איז אויף אַזאַ ארט געבליבען אָנגעוויזען אויף זיך אליין. אין די גרויסע ארבייטער־היימען האָבען די ארבייטער אויף גיך אויפגעשטעלט באריקאַדען. אויף די עקען פון דער שטאָט האָבען מיר אויפגעבויט רעגולערע קריגס־טרענטשעס (גראָבענס, פון וועלכע מען שיסט), און אזוי האָבען די ארבייטער געקעמפּט געגען זייערע שונאים.

דער שונא איז געווען א פייגלינג, א טרוס. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אונטערגענומען ארויסצוגעהן אין אָפענעם און גלייכען קאמף

מיט די „שוצבונד"־סאָלדאַטען, ווען ער האָט געדאַרפט נעגען זיי קעמפען מיט דיזעלבע וואַפען דאָס הייסט מיט ביקסען און מאַשין־ביקסען. דער שונא האָט צוערשט פאַרניכטעט די טרענטשעס פון די אַרבייטער מיט קאַנאָנען און שווערע האַרמאַטען־האַוויצערס. די סאָל־דאַטען פון „שוצבונד" האָבען ניט פאַרמאָגט ניט קיין לייכטערע און ניט קיין שווערערע האַרמאַטען. אָבער די קאַנאָנען און שווערע האַר־מאַטען האָבען געשפּילט אַן אַנטשיידענדע ראָלע און האָבען געוואונען דעם קאַמף.

די גרויסע אַרבייטער וואוינונגען־פּאַלאַצען, וואָס די ווינער סאָציאַליסטישע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויפגעבויט פאַר די ווינער אַרבייטער, האָט מען צובראָכען, צוריסען אויף שטיקער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען זיי אויפגעבויט. די פאַשיסטען האָבען זיי פאַר־ניכטעט מיט שווערע האַרמאַטען. אויף די אַלע הייזער זיינען געווען אויסגעקלאַפּט אין שטיין שטאָלצע אויפשריפטען: „אויפגעבויט מיט דעם געלט פון די טעקסעס אויף צו בויען וואוינונגען". דאָס האָט די ווינער סאָציאַליסטישע שטאָט־רעגירונג געלאָזט אויסקלאַפּען די דאָ־זיגע אויפשריפטען. „פאַרניכטעט מיט דעם געלט פון דער ווינער טרעף־הלואה" גיט איצטער טרויעריג צו א פאָלקס־וויץ, וואָס האָט זיך געשאַפען אין ווין.

געמיין, פרעך און ליגנעריש ערקלערען איצט די פאַשיסטען, אַז די רעוויזיעס, די אַבלאַוועס און הויז־זוכונגען אין די ווינער פאָלקס־הייזער האָבען דערוויזען, אַז זיי זיינען אויפגעבויט געוואָרען ווי פעס־טונגען ,אַז נאָך אין דער צייט, ווען אַרכיטעקטען האָבען געמאַכט די פּלענער פון די אַרבייטער־היימען, האָט מען שוין אין זינען געהאַט, אַז זיי דאַרפען דינען פאַר מיליטערישע צוועקען. מיט דעם דאָזיגען נאַריש־געמיינעם ליגען ווילען די פאַשיסטען באַרעכטיגען דאָס, וואָס זיי האָבען אָנגעווענדעט קאַנאָנען אין קאַמף געגען די פאָלקס־הייזער מענשען פון בורזשואזע קלאַסען דענקען, אַז הייזער בויט מען צוליב דעם, אַז זיי זאָלען ברענגען רענט פאַר די לענדלאָרדס. און אויב מען האָט געבויט הייזער, וואָס ברענגען קיינעם ניט קיין רענט, וואָס ברענגען נאָר ליכט, לעבען, לופט און געזונט צו 60 טויזענט אַרביי־טער־פאַמיליעס, האָט מען עס מסתמא געטאָן, אום צו האָבען פעסטונ־גען אין א צייט פון בירגער־קריג... אַזעלכע מענשען קאָנען דאָס אַנ־דערש ניט פאַרשטעהן.

פיר טעג האָט געדויערט דער קאַמף, און די עסטרייכישע אַרביי־טער זיינען באַזיגט געוואָרען. האָט זיך עס געמוזט אַזוי ענדיגען? האָבען די אַרבייטער געקאָנט זיגען? נאָך די ערפאַהרונגען פון די פיר

קאמף־טעג מעג מען זאגען: ווען די באהנען וואלטען אלע אויף אן אמת שטעהן געבליבען, ווען דער גענעראל־סטרייק וואלט ארומגעכאפט דאס גאנצע לאנד פון איין עק ביז'ן אנדערען, ווען דער „שוצבונד" וואלט מיטגעריסען די גאנצע גרויסע מאסע פון די ארבייטער אין גאנצען לאנד, — דעמאלט וואלט דער רעגירונג טאקע ניט געלונגען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד.

די פארטיי־פיהרערשאפט האט אלעמאל מורא געהאט, אז אין פאל פון קאמף וועט דער „שוצבונד" בלייבען אליין און וועט זיין אנ־געוויזען נאר אויף זיך. די פארטיי־פיהרער האבען זיך געשראקען, אז די ברייטע מאסען פון די ארבייטער וועלען אין פאל פון קאמף טאקע האבען די גרעסטע סימפאטיעס צו דעם „שוצבונד", אבער דירעקט העלפען אין קאמף וועלען זיי איהם ניט. דעריבער טאקע האט די פארטיי ניט געוואלט פריהער אנהויבען דעם קאמף, איידער דער געגנער וועט ניט אפטאן עפעס אזא געמיינהייט, וואס וועט אויפטרייסלען די גאנצע ארבייטער־מאסע, אויפקאכען איהר צארן און איהרע ליידענ־שאפטען. דאס איז טאקע געווען דער טיפער זין און שכל פון די פריהער דערמאנטע „פיר פונקטען". אבער געשעהן איז אט וואס. די פראוואקאציעס פון דער דיקטאטארישער רעגירונג און די פארביטער־רונג דוקא צווישען די סאמע פארטגעשריטענסטע טיילען פון דעם ארבייטער־קלאס האבען צונישט געמאכט די דאזיגע פאליטישע אויס־רעכענונגען. דער ערשטער קאמף פון די ארבייטער אין דער שטאט לינץ האט אין איין מאמענט פאנאנדערגעוויקעלט דעם גאנצען קאמפס־פראנט. אמת, עס איז שוין דעמאלט געווען די געפאהר, אז אונזער שונא וועט באלד אפטאן א געמיינע טאט, איינע פון יענע, וואס זיי־נען אויסגערעכענט אין די „פיר פונקטען". די געפאהר איז שוין גע־שטאנען פאר די אויגען, אבער די טאט איז נאך ניט באגאנגען געווא־רען, און די ברייטע ארבייטער־מאסען זיינען ניט אויפגעבראכט גע־ווארען ביז צו א מאס, אז זיי זאלען זיך אויפהויבען צום קאמף.

און אזוי זיינען די קעמפער פון דעם עסטרייכישען „שוצבונד" באזיגט געווארען נאך א פיר־טאגיגען העלדישען קאמף. זיי זיינען טאקע באזיגט געווארען, אבער זיי זיינען אונטערגעגאנגען העלדיש, מיט עהרע און מיט רוהם. אין איטאליע האט די מאסע פון די אר־בייטער זיך ניט אנטקעגענגעשטעלט, ווען מוסאליני האט דורכגעפיהרט זיין מארש אויף רוים. אין דייטשלאנד האבען זיך סיי די סאציאל־דעמאקראטען און סיי די קאמוניסטען אונטערגעגעבען צו די נאציס אהן קיין שום קאמף. אבער אין עסטרייך האבען די בעסטע און קאמפס־פעהיגע טיילען פון די ארבייטער באוויזען, ווי אזוי ארבייטער

דאַרפֿען זיך וועהרען, ווען זייער פֿרייהייט איז אין געפֿאהר. דורות פֿון ארבייטער וועלען איצט איבערגעבען זייערע קינדער די געשיכטע פֿון די העלדענטאַטען פֿון די עסטרייכישע „שוצבונד“־העלדען. זייערע זיהן וועלען ערצויגען ווערען אין דעם גייסט פֿון די קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט פֿון די עסטרייכישע ארבייטער. די טייערע פֿאַרגאָסענע ארבייטער־בלוט וועט ווירקען ווי זאָמען, וואָס מען וואַרפֿט אריין אין דער ערד. פֿון דער עראיינערונג וועגען אונזערע געפֿאַלענע העלדען און וועגען יענע, וואָס זיינען דורך די קריגס־געריכטען געשיקט געוואָרען צום הענקער, פֿון דעם רוהם פֿון זייער העלדישען קאַמף, פֿון דעם האַס געגען די מערדער, וואָס האָבען אומגעבראַכט פֿרויען און קינדער אין די ארבייטער־היימען, וועט ווידער זיגרייך אויפֿשטעהן די פּאַרטיי פֿון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זי וועט אויפֿשטעהן פֿון דעם האַס געגען די הענקער, וואָס האָבען פֿאַרוואונדעטע געשיקט צו דער תליה. זי וועט אויפֿשטעהן פֿון דעם האַס געגען די מיטשולדיגע פֿון יענע הענקער, מעגען זיי זיצען אין קאַטוילישע בישאָף־פּאַלאַצען, אָדער אין די אידישע בורזשואזע ציימונגס־רעדאַקציעס, פֿון וועלכע מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ אין דער צייט ווען דער הענקער האָט געטאָן זיין בלוטיגע ארבייט. (דאָ מיינט באַוער עטליכע וויענער דייטשע צייטונגען, וואָס געהערען צו וויענער אידען, און אין וועלכע וויענער אידען זיינען די הויפּט־מיטארבייטער. די דאָזיגע צייטונגען שטעהן אינגאַנצען אויף דער זייט פֿון דאָלפֿוס׳ען).

געפֿאַרבט מיט׳ן בלוט פֿון אונזערע העלדען וועט די רויטע פֿאָהן ווידער אַמאָל פֿלאַטערען איבער וויען, און זי וועט נאָך פֿלאַטערען אויך איבער גאַנץ עסטרייך.

געוואַלטיג איז דער אָפּקלאַנג פֿון די וויענער קאַמף־טעג אין דער גאַנצער ארבייטער־וועלט. אין ענגלאַנד און אין פֿראַנקרייך, אין בעלגיע און אין האָלאַנד, אין דער שווייץ און אין טשעכאָסלאָוואַקיע, — אומעטום, אומעטום, פֿון שפּאַניע אין מערב־אייראָפּע ביז צו די באַלטישע לענדער אין נאָרד און איסט אייראָפּע, אין רויטען רוסלאַנד און אויף יענער זייט פֿון גרויסען אַטלאַנטישען אָקעאַן, אין אַמעריקע, — אומעטום האָבען די ארבייטער ארויסגעוויזען די גרעסטע ליבע צו דעם קעמפֿענדען ארבייטער־קלאַס פֿון עסטרייך. אומעטום, פֿון איין עק וועלט ביז׳ן צווייטען, האָבען זיי געשאָלטען די מערדער און הענקער פֿון די עסטרייכישע ארבייטער. די סאָציאַליסטען פֿון דער גאַנצער וועלט האָבען באַטראַכט פֿאַר אַ שאַנדע, פֿאַר אַ געפֿעהרליכער ערמוטיגונג פֿון די רעאַקציאָנערען אויף דער גאַנצער וועלט און פֿאַר אַ געפֿעהרליכע אָפּשוואַכונג פֿון די ארבייטער פֿון אַלע לענדער, וואָס

די דייטשע ארבייטער האָבען זיך אזוי קאמפלאַז אונטערגעגעבען דעם פּאַשיזם. זיי אַלע, אויף דער גאנצער וועלט, זיינען איצט שטאָלץ דערהויבען און געשטארקט מיט דעם, וואָס די עסטרייכישע ארבייטער האָבען זיך מיט דער ביקס אין האנט אַנטקעגענגעשטעלט דעם פּאַשיזם. זיי אַלע זיינען איצט שטאָלץ מיט דעם, וואָס די עסטרייכישע ארבייטער האָבען בעסער אויפגענומען א ניט־גלייכען קאמף מיט דעם פּאַשיזם, א קאמף פון פּארצווייפלונג, אבער זיך ניט אונטערגעגעבען אָהן א קאמף.

זיי, די עסטרייכישע ארבייטער, האָבען געראַטעוועט די רעוואָלוציאָנערע עהרע פון די סאָציאַליסטען איבער דער גאנצער וועלט. זיי האָבען געשטארקט דעם רעוואָלוציאָנערען ווידערשטאנד און געהויבען דעם מוט פון די ארבייטער אויף דער גאנצער וועלט. זייער מוטיגע טאַט איז אן ארויספאָדערונג צו די פּאַשיסטישע רעאַקציאָנערען אין אַלע לענדער. די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט האָבען ליב געהאט די רויטע, סאָציאַליסטישע ווין, האָבען ליב געהאט די ווינער סאָציאַליסטישע ארבייטער פאר זייער פרידליכער סאָציאַליסטישער אויפבוי־ארבייט, פאר די ריזיגע וויענער ארבייטער־הייזער, פאר אַלע פּראַכטפולע געזעלשאפטליכע הילפס־אינסטיטוציעס, פאר די וואונדערליכע אויפטועו אויף דעם געביט פון קינדער־שולען, וואָס האָט געהאט א שם אין אייראָפּע. איצט וועלען די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט נאָך הייסער ליב האָבען די רויטע, סאָציאַליסטישע ווין — פאר די רעוואָלוציאָנערע אויפטועו פון די וויענער ארבייטער, פאר זייער העלדישקייט, פאר דעם בלוט זייערען, וואָס איז פארגאָסען געוואָרען צו ראַטעווען די פרייהייט. נאָך שטאָלצער, ווי ווען עס איז, וועלען די ארבייטער פון דער ציוויליזירטער וועלט זינגען איצט ברייגעל'ס ליד וועגען די ארבייטער פון ווין:

> **דעריבער פלאַטער, דו פאָהן אין פלאמען, דו רויטע פאָהן,**
> **פאָראויס אויף דעם וועג, אויף אונזער וועג.**
> **מיר זיינען געטריייע צוקונפט־קעמפּער,**
> **מיר זיינען די ארבייטער פון ווין.**

די ליגענס וואָס דאָלפוס האָט פארשפרייט דורך דער ראַדיאָ און די צייטונגען

דאָלפוס'עס דיקטאַטאָרישע רעגירונג האָט פארמאָגט עטליכע סאָרטען וואפען וועלכע מיר האָבען ניט געהאט. די רעגירונג האָט געהאט קאנאָנען, געפּאנצערטע אויטאָמאָביליען, מינען־ווארפערס, עראָפּלאַנען צו בעאָבאכטען געגנוי יעדען שריט אונזערען. דאָס איז אָבער

נאָך ניט אַלץ: די רעגירונג האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער ראַדיאָ סטיישאָן. די ראַדיאָ סטיישאַנס זיינען געבליבען אין די הענט פון דער רעגירונג און זיינען געשטאַנען אונטער אַ שטאַרקען מיליטערישען שוץ. מיר האָבען געהאָפט, אַז מיר וועלען קענען שטערען די ראַדיאָ סטיישאָנס פון דער רעגירונג מיט אַזוי־גערופענע קורצע כוואַליעס (שאָרט וועיווס), אָבער אונזער פּאַרזוך איז אונז ניט געלונגען.

באַלד פון ערשטען מאָמענט אָן האָט די ראַדיאָ סטיישאָן פון דער רעגירונג אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען איהרע ליגענס. מען האָט דערצעהלט ליגענס וועגען אַ זיג פון דער „רעגירונגס־עקזעקוטיווע“, ווי מען האָט אַ נאָמען געגעבען די מיליטערישע אָנפיהרונג, וועגען נידערלאַגען פון „שוצבונד“ און וועגען צוזאַמענברוך פון גאַנצען אויפשטאַנד. דאָס האָט געהאַט אַ זעהר שטאַרקע ווירקונג. אין ווייטע ערטער, אין וועלכע מען איז בכלל ערשט פון דער סטיישאָן געוואָהר געוואָרען וועגען דעם אויפשטאַנד, האָט מען ניט געפונען מעהר פאַר נויטיג אַנצושליסען זיך אָן דעם אויפשטאַנד, ווייל ער איז דאָך שוין סיי־ווי־סיי געווען אַ דורכגעפאַלענער.

אַנדערע ליגענס וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען דורך דער ראַדיאָ און אויך דורך ליפלעטס, וואָס זיינען אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען פון עראָפּלאַנען, האָבען געהאַט דעם צוועק צו דעמאָראַליזירען די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער, פאַרטומלען און פאַר׳סמ׳ען זייערע מוחות. דאָס זיינען געווען ליגנערישע נאַכריכטען, אַז די פיהרער פון די אַרבייטער זיינען אַנטלאָפען געוואָרען, אַדער פאַר דעם קאַמף אַדער אינמיטען קאַמף, און האָבען איבערגעלאָזט די אַרבייטער אַליין אויף זייערע באַריקאַדען.

אין דער אמת׳ן האָט מען כמעט אַלע פיהרער פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען און פון די פרייע יוניאָנס שוין מאָנטאַג אַרום מיטאָגצייט אַרעסטירט. פון איין זייט האָט מען אויסגעטראַכט, אַז די פיהרער זיינען אַנטלאָפען, פון דער אַנדערער זייט האָט די רעגירונג אַליין זיי געהאַלטען אין איהרע געפענגנישען. פון די באַקאַנטע פיהרער האָבען זיך פון אַרעסט אַרויסגעראַטעוועט נאָר צוויי: יוליוס דויטש און איך. און גראָד אונז צוויי וואָלט דער הער דאָלפוס אַזוי גערן געלאָזט אויפהענגען. דאָס, וואָס זיינע ווילדע טשינאָווניקעס האָבען גראָד אונז ניט געפונען, האָט איהם אַריינגעבראַכט אין אַ ביטערען גרים־צאָרן. דעריבער האָט מען מיט דער גרעסטער איינגעשפּאַרטקייט פאַרשפּרייט דעם ליגען, אַז מיר זיינען אַנטלאָפען פון קאַמף.

אויף דעם דאָזיגען ליגען און פאַרלוימדונג מוז איך ענטפערען,—

ניט אום צו ראַטעווען אונזער כבוד, נאָר אום צו ראַטעווען דעם כבוד פון דער פּאַרטיי. די אַרבייטער האָבען צוטרוי צו דער פּאַרטיי און ווילען, אַז די פּאַרלוימדונג זאָל אָפּגעווישט ווערען. אמת, איך מוז ענטפערען פּאַרזיכטיג און זעהר צוריקגעהאַלטען. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך. איך טאָר דאָך ניט אָנגעבען גענוי ניט קיין אָרט און ניט קיין שטונדע. מיטקעמפּער, וואָס זיינען אין דער צייט פון קאַמף געוועזן לעבען אונז, געפינען זיך איצט אין די הענט פון דעם שונא. איך טאָר ניט אַרויסזאָגען קיין איין וואָרט, וואָס קען ווערען געפעהר־ליך פאַר זיי.

מאָנטאַג, אַרום מיטאָגצייט איז דויטש אוועק מיט מיר צוזאַמען אויף א פּלאַץ, וואו עס האָט זיך געפונען די צענטראַלע אָנפיהרער־שאַפט פון דעם קאַמף, און טאַקע דערפאַר, ווייל מיר זיינען דאָרט געוועזן, האָט אונז די פּאָליציי ניט געקענט געפינען. די צענטראַלע אָנפיהרערשאַפט פון דעם קאַמף האָט זיך פאַרבונדען מיט די קעמ־פענדע גרופּען אין וויען און אויך אין דער פּראָווינץ, — פאַרשטעהט זיך, אויף ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגליך געווען. די אָנפיהרערשאַפט פון דעם קאַמף האָט געאַרבייט אונטער זעהר שווערע באַדינגונגען.

דער טייל פון וויען, וואו עס האָט זיך געפונען די לייטונג פון דעם קאַמף, איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון רעגירונגס־מיליטער. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר זיינען יעדע מינוט געווען אין געפאַהר אַרעסטירט צו ווערען, האָבען מיר די אַרבייט דאָך ווייטער געפיהרט ביז דינסטאַג אין דער פריה. דינסטאַג פריה איז דאָס שוין אָבער מעהר ניט מעגליך געווען. אונזערע פאַרבינדונגס־מענשען, וואָס האָ־בען געבראַכט נאַכריכטען און האָבען אַרויסגעטראָגען אָנווייזונגען, האָבען זיך שוין צו שטאַרק און צו אָפט אָנגעשטויסען אויף מיליטער־רישע און פּאָליצייאישע פּאַטרולען. דעריבער האָבען מיר באַשלאָסען צוטיילען די אָנפיהרונג פון קאַמף און איבערצופיהרען זי אין צוויי פּלעצער.

אָבער אין עטליכע שטונדען אַרום זיינען אויך יענע טיילען פון שטאָט שוין געווען אין די הענט פון דעם שונא. אויך דאָרט האָט זיך דעריבער דער קאַמף אָפּגעשטעלט. מיר האָבען דעריבער גע־פּרואווט זיך אַריבערצוכאַפּען צו א גרופּע וואָס האָט נאָך ווייטער אָנ־געפיהרט דעם קאַמף. אונזער פּלאַן איז צושטערט געוואָרען, ווייל יענער דיסטריקט איז געווען מיליטעריש אָפּגעשלאָסען, און עס איז אונמעגליך געווען אהין צוצוקומען. אפילו אונזערע פאַרבינדונגס־מענשען האָבען זיך ניט געקענט מעהר דורכרייסען צו די דאָזיגע קעמ־פענדע גרופּען.

אזוי זיינען מיר אפגעשניטען געווארען פון די גרופען, וואס זיי־נען נאך געשטאנען אין קאמף. די פאליציי האט זיך שוין נאך אונז געיאגט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס איך בין געווען פארשטעלט האט מען מיך דאך דערקענט אויף דער גאס. דויטש איז שוין געווען פארוואונדעט. פון ארעסט האט ער זיך ארויסגעראטעוועט דורך עפעס א וואונדערבארען צופאל. פאליציאנטען האבען דורכגעפיהרט א רעוויזיע אין דער הויז, אין וועלכען דויטש איז גראד געווען, און נאר דורך א גליקליכען צופאל האבען זיי איהם ניט באמערקט.

פון איצט אן האבען מיר מעהר קיין שום מעגליכקייט ניט געד האט צו באטייליגען זיך אין די וויטערדיגע און לעצטע קאמפען. איצט האבען מיר נאר געקענט אדער אונטערטעניג זיצען און ווארטען ביז מען וועט אונז ארעסטירען, אדער אנטלויפען. מיר אבער האבען אנ־געהויבען מאכען דעם פלאן צו אנטלויפען ערשט דעמאלט, ווען די קאמפען אין דעם דיסטריקט, וואו מיר האבען זיך געפונען, האבען אינגאנצען אויפגעהערט, און ווען עס איז שוין גאר קיין האפענונג מעהר ניט געווען אויף אן ענדערונג אין דער קאמפס־לאגע. מיר הא־בען באשלאסען צו אנטלויפען צו דער טשעכאסלאוואקישער גרעניץ.

שוין איידער מיר זיינען אנטלאפען, זיינען עטליכע גרופען פון ארבייטער געקומען קיין בראטיסלאווא, טשעכאסלאוואקיע. עטליכע שטונדען נאך אונז זיינען 47 מיטגלידער פון „שוצבונד“ אריבער די גרעניץ. זיי האבען זיך צוריקגעצויגען פון די קאמפען אין דעם ווינער דיסטריקט פלארידסדארף. מיט אלע וואפען זיינען זיי אריבער די גרעניץ. אפטיילונגען פון „היימוועהר“־פאשיסטען האבען זיי נאכגע־יאגט ביז צו דער גרעניץ, אבער עס איז זיי געלונגען צו אנטלויפען.

מיר זיינען פיל לענגער געבליבען אין וויען, ווי עס האט געמיינט די רעגירונג. אין דער צייט, ווען דער מיניסטער שושניג האט דער־צעהלט דורך דער ראדיא, אז מיר זיינען אנטלאפען און האבען איבער־געלאזט די ארבייטער „אליין אויף זייערע באריקאדען“, פונקט דא־מאלט זיינען מיר געווען ביי דער צענטראלער אנפיהרונג פון די קאמ־פען. אין דער צייט, ווען דער וויצע־פרעמיער פעי האט מיטגעטיילט דורך דער ראדיא, אז מיר זיינען שוין אנגעקומען אין פראג, טשעכא־סלאוואקיע, זיינען מיר נאך אלץ געווען אין וויען. הער פעי האט אויך דערצעהלט, אז איידער מיר האבען פארלאזען די גרעניץ, האבען מיר זיך פארזארגט מיט א „נישקשה׳דיגען רייזע־קאפיטאל“. איך וויל דעריבער דעם דאזיגען ריטערליכען געגנער אויסזאגען דעם סוד, אז אין דער צייט ווען איך בין אריבער די גרעניץ, האב איך ביי מיר געהאט די סומע פון 105 שילינג (ארום 15 דאלאר). דויטש האט געהאט נאך ווייניגער.

אונזערע פעהלערען

מיר זיינען באזיגט. אלע אונזערע געדאנקען פיינינגט איין פראגע: צי איז דער בלוטיגער צוזאמענברוך ניט געקומען צוליב פאליטישע פעהלערען, וואס מיר אליין זיינען באגאנגען, אין וועלכע מיר אליין זיינען שולדיג?

פון איין זייט זאגט מען: אונזער פאליטיק איז זייט יאהרען געווען צו־ווייסענשאפטליך, צופיל לויט דעם בוך, צו־ראדיקאל; מיר האבען צופיל אויף זיך געשטעלט. מיט איין ווארט — מיר זיינען געווען צופיל „לינק". צוליב דעם איז געקומען דער צוזאמענברוך פון דער פארטיי. אנדערע ווידער זאגען פארקערט: אונזער פאליטיק איז געווען צו־שרעקעדיג, מיר זיינען געווען צו־פארזיכטיג, עס האט אונז געפעהלט דער רעוואלוציאנערער אויפברויז, און דער רעוואלוציאנערער גייסט קען דאך מיטרייסען די מאסען. מען ווארפט אונז דעריבער פאר, אז מיר האבען צו־לאנג אפגערוקט דעם קאמף, און דערפאר זיינען מיר אליין טאקע שולדיג אין דער נידערלאגע. מיט איין ווארט — מיר זיינען געווען צו „רעכט".

וואו איז דער אמת? אז מיר האבען געמאכט פעהלערען, אין דעם איז דאך גאר קיין פראגע ניט. נאר דער, וואס טוט גארנישט, קאן קיין פעהלערען ניט מאכען. עס איז שטענדיג נוצליך צוצוגעבען פריי די אייגענע פעהלערען. פון אונזערע ערפאהרונגען קענען לערנען די, וואס וועלען קומען נאך אונז. איך קען רעדען וועגען אונזערע פעהלערען גאנץ פריי, הויפטזעכליך דערפאר, ווייל איך באשווער מיט זיי מעהר קיינעם ניט, פאר די פעהלערען, וואס מיר זיינען באגאנגען, בין איך מעהר פאראנטווארטליך, ווי עמיצער אנדערש.

די וואהלען צו די שטאט־פארוואלטונגען און צו די רעגירונגען פון די באזונדערע סטעיטס, וואס זיינען פארגעקומען אין אפריל פון יאהר 1932, האבען באוויזען, אז די נאצים אין עסטרייך וואקסען פון טאג צו טאג. די פארטיי „גרויס־דייטשען" איז געווען אין דער אפאזיציע צו דער רעגירונג זינט איהר פארטרעטער, דער געוועזענער מיניסטער יאהאן שאבער, איז געצוואונגען געווארען צו רעזיגנירען. די נאצים פון זייער זייט פארלאנגען, אז עס זאלען געמיכט ווערען נייע וואהלען צום פארלאמענט.

די פארטיי „קריסטליך־סאציאלע" האט געציטערט פאר נייע וואהלען. אין יענעם מאמענט האבען מיר געדארפט זיין גרייט צו שטימען אין פארלאמענט געגען נייע וואהלען. וואלטען מיר דעמאלט אויך גלייכצייטיג פארזיכערט דער רעגירונג פון דעם דעמאלטיגען

פרעמיער בורעש, אז מיר וועלען זי דולדען, ניט ארונטערוואַרפען זי, פונקט ווי די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען געדולדעט ברי־נינג'ס רעגירונג, דעמאָלט וואָלט אפשר אויסגעמידען געוואָרען די פאַרבינדונג פון די „קריסטליך־סאָציאַלע" מיט דער פּאַרטיי „לאַנד־בונד" און דעם „היימווער". מיר האָבען דאָס אַלץ אָבער ניט געטאָן. מיר האָבען געהאַלטען, אז נייע וואַהלען זיינען נוצליך. אדרבא, זאָלען די נאַצים אריין אין פּאַרלאַמענט, זאָלען זיי זיך דאַרפען פאַרנעמען מיט ריין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראַגען, און זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אראָפּגעריסען ווערען די מאַסקע פון זייער דעמאַגאָגיע, פון זייערע פוסטע ווערטער, מיט וועלכע זיי קאָרמענען דאָס פּאָלק. מיר האָבען געזעהן די ערפאַהרונגען פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, און מיר האָבען מורא געהאַט אריינצופאַלען, ווי זיי, אין א לאַגע פון „טאָלערירונגס־פּאָליטיק", א פּאָליטיק, ביי וועלכער מען מוז אַלץ אריבערטראַגען. מיר האָבען געגלויבט, אז נאָר א מוטיגע און ענט־שלאָסענע אָפּאָזיציע־פּאָליטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען קען אָפּ־האַלטען די פאַראַרימטע און פאַרביטערטע מאַסען, אז זיי זאָלען ניט אריבערלויפען אין גרויסע מאַסען צו די נאַצים. צוליב אונזער פּאָליטיק האָבען זיך די „קריסטליך־סאָציאַלע" פאַרבונדען מיט דעם „היימווער", און דאָלפוס האָט געשאַפען זיין רעגירונג צוזאַמען מיט עמיל פעי.

אין די וואַהלען פון הערבסט, יאָהר 1930, האָבען מיר באַזיגט די ערשטע קאָאַליציע (געמיינשאַפטליכע) רעגירונג פון די „קריסטליך־סאָציאַלע" מיט דעם „היימווער", די רעגירונג פון וואַגוען מיט שטאַר־העמבערג. פאַרבלענדעט און פאַרפיהרט פון דעם דאָזיגען זיג, האָבען מיר אין יאָהר 1932 זיך ניט אָפּגעגעבען קיין רעכענונג וועגען דעם, ווי געפעהרליך עס קאָנען ווערען פאַשיסטען אין דער עסטרייכישער רעגירונג, אין דער צייט ווען דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד שטייגט אַלץ שטורמישער און העכער. מיר מוזען דעריבער צוגעבען, אז אונ־זער שטעלונג אין יאָהר 1932 איז אפשר געווען א פעהלער. דאָס איז געווען, ווי מען רופט עס, א „לינקער אָפּנויג".

מיר האָבען געמאַכט נאָך אזא פעהלער. דעם 1טען מערץ פון יאָהר 1933 איז פאָרגעקומען א צוויי־שטונדיגער פּראָטעסט־סטרייק פון די באַהן־אַרבייטער. די רעגירונג פון דאָלפוס און פעי האָט געענטפערט אויף דעם סטרייק מיט אדמיניסטראַטיווע שטראָפען, וואָס זי האָט אויסגעטיילט צווישען די אַרבייטער. מיר זיינען געגען דעם ארויסגעטראַטען מיט א פאָרשלאַג אין פּאַרלאַמענט. דעמאָלט האָט די רעגירונג געהאַט א מערהייט נאָר פון איין שטימע, און יעדע שטימע איז פאַר איהר געווען זעהר וויכטיג. איין שטימע האָבען מיר דעמאָלט

פארלארען צוליב דעם, וואס דער סאציאליסטישער פיהרער רענער איז. אלס פרעזידענט פון פארלאמענט, געווען טשערמאן ביי יענער זיצונג און האט ניט געקענט מיטשטימען.

מיר האבען דעמאלט געגלויבט, אז מיר וועלען זיך קיינמאל ניט קאנען פארענטפערען פאר די אייזענבאהן־ארבייטער, אז הונדערטער פון זיי מוזען נאך דערפאר באשטראפט ווערען, ווייל רענער איז פרעזידענט פון פארלאמענט און מיר מוזען דערפאר באזיגט ווערען ביי דער אפשטימונג. האט זיך עפעס געמאכט א קליינע מחלוקה מיט די „קריסטליך־סאציאלע“, און רענער האט זיך אפגעזאגט פון זיין אמט אלס פרעזידענט. געטאן האט ער עס לויט מיין ראט. נאך דעם ווי רענער האט רעזיגנירט, האבען אויך רעזיגנירטביידע וויס־פרעזידענטען, דער „גרויס־דייטשער“ און דער „קריסטליך־סאציאלער“. א טאג שפעטער איז פארגעקומען אין דייטשלאנד דער גרויסער היטלער־זיג ביי די וואהלען. מיר זיינען אזוי שטארק געווען פארנומען מיט אפהיטען די עטליכע הונדערט באהן־ארבייטער, וועמען מען האט געסטראשעט מיט א שטראף, אז מיר האבען אזש ניט באמערקט, וואס פאר א גרויסען איינפלוס עס קאן האבען אויף עסטרייך די דייטשע איבערקערעניש. ווען רענער האט רעזיגנירט, האט שוין די דאלפוס־רעגירונג געהאט אן אויסרייד, אז מען דארף איגנאנצען ניט האבען קיין פארלאמענט. עס איז קלאר ווי דער טאג, אז דא האבען מיר געמאכט א פעהלער, און אויך דאס איז געווען אן אויסדרוק פון א „לינקען אפנויג“.

דער פארלאמענט האט ווירקליך אויפגעהערט צו עקזיסטירען. די דיקטאטור האט זיך גענומען באפעסטיגען. דעם 15טען מערץ האבען מיר געפרואווט ווידער פארזאמלען דעם פארלאמענט, אבער דאלפוס האט מיט געוואלט צונישט געמאכט אונזער פארזוך. מיר האבען געקענט אויף דעם ענטפערען דעם 15טען מערץ מיט א גענעראל־סטרייק, די באדינגונגען פאר א גענעראל־סטרייק זיינען קיינמאל ניט געווען אזוי גינסטיג, ווי אין יענעם טאג. די שטורמישע קאנטר־רעוואלוציע, וואס איז דעמאלט פארגעקומען אין דייטשלאנד, האט אויפגערודערט זעהר שטארק די מאסען אין עסטרייך. די ארבייטער־מאסען האבען נאר געווארט אויף א צייכען צום קאמף. די אייזענבאהן־ארבייטער זיינען דעמאלט נאך ניט געווען אזוי צומישט, אזוי דעמאראליזירט, ווי זיי זיינען געווען מיט עלף מאנאטען שפעטער. אויך די מיליטערישע ארגאניזאציע פון דער רעגירונג איז דעמאלט נאך ניט אזוי שטארק געווען, ווי זי איז געווען אין פעברואר פון יאהר 1934. דעמאלט האבען מיר אפשר געקאנט זיגען.

אָבער מיר האָבען זיך דעמאָלט דערשראָקען פאַר דעם קאַמף. מיר האָבען דעמאָלט נאָך געגלויבט, אַז מיר װעלען מיט פרידליכע מיטלען ברענגען צו אַ לעזונג. דאַלפוס האָט דעמאָלט צוגעזאָגט, אַז אין אַ קורצער צייט ארום, אין ענדע מערץ, אָדער אין אָנהויב אַפּריל, װעט ער מיט אונז אונטערהאַנדלען װעגען רעפאָרמירען די קאָנסטי־טוציע און די געזעצען װעגען פּאַרלאַמענט. מיר זיינען דעמאָלט נאָך געװען גענוג נאַריש צו גלויבען אין דאַלפוס׳עס אַ צוזאָג. מיר האָבען אויסגעמידען אַ קאַמף, װייל מיר האָבען געװאָלט ראַטעװען דאָס לאַנד פון דעם אומגליק פון אַ בלוטיגען בירגער־קריג. מיט עלף מאָנאַטען שפּעטער איז אָבער דער בירגער־קריג דאָך אויסגעבראָכען. אָבער די באַדינגונגען זיינען שוין איצט פאַר אונז געװען זעהר אומגינסטיגע. דאָס איז געװען אַ פעהלער, אונזער שװערסטער, אונזער געפעהרליכס־טער פעהלער. און איצט איז עס גראַד געװען אַ „רעכטער אַפּנויג“.

איז אונזער פּאָליטיק געװען „צו־רעכט“, אָדער „צו־לינק“? עס איז ניטאָ אַזאַ סטראַטעגיע, אַזאַ קריגס־לעהרע און קריגס־קונסט אויף דער װעלט, װאָס זאָל קאָנען באַשטימט זאָגען, צי מען קען זיגען נאָר מיט אָנגריף, צי מען קאָן זיגען נאָר מיט דעם לינקען פליגעל פון דער אַרמיי, אָדער אפשר גאָר מיט דעם רעכטען פליגעל. די פראַגען פון דער טאַקטיק פון אַן אַרבייטער־פּאַרטיי זיינען צופיל פאַרדרעהט, און מיט דער תורה פון „לינקס“ אָדער „רעכטס“ קאָן מען די דאָזיגע שװע־רע פראַגען ניט פאַרענטפערען. אונזערע פעהלערען זיינען געװען אַמאָל „רעכטע“ און אַמאָל „לינקע“. ערשט איצט, נאָך דעם װי די געשעהענישען זיינען שוין פאַרגעקומען, קאָנען מיר אַרויסזאָגען אונ־זער מיינונג, אַז דער אָדער יענער שריט האָט געדאַרפט געמאַכט װע־רען אַזוי אָדער אַנדערש.

מיר װילען ניט פאַרלייקענען אונזערע פעהלערען, — דאָס איז אמת. אָבער מיר מוזען זיך דאָך שטעלען אַ פראַגע: צי איז איבער־הויפּט מעגליך געװען אויסצומיידען די קאָנטער־רעװאָלוציע אין עסט־רייך נאָך דעם זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד? צי װאָלט מעגליך געװען צו פאַרהיטען פון אַ קאָנטער־רעװאָלוציע, װען מען װאָלט אָנגע־נומען אַן אַנדער פּאָליסי, אַן אַנדער טאַקטיק, אַן אַנדער צוגאַנג?

די ערשטע פראַגע איז: װען מיר װאָלטען נאָך די װאַהלען אין אַפּריל פון יאָהר 1932 געפיהרט אַ מין „טאָלערירונגס־פּאָליטיק“ אין באַצוג צו דער רעגירונג פון בורעש, אַ פּאָליטיק פון אַלץ־אַריבער־טראָגען, לויט דעם מוסטער פון דייטשלאַנד, צי װאָלטען מיר אויך ניט אַרויף אויף דעם װעג פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען?

צװייטענס, בלייבט די פראַגע װעגען דעם, װאָס גענאָסע רענער

האָט רעזיגנירט פון זיין פּרעזידענט־אַמט אין פּאַרלאַמענט. ווי וואָלט געווען, ווען ער וואָלט ניט רעזיגנירט? וואָלט שוין די רעגירונג פון דאָלפוס ניט געפונען קיין אנדער אויסרייד צו פאַרמאַכן דעם פּאַר־לאַמענט?

די דריטע פראַגע איז: וואָס וואָלט פּאַרגעקומען, ווען מיר וואָל־טען אָנגעהויבען אַן אָפענעם קאַמף דעמאָלט, דעם 15טען מערץ פון יאָהר 1933? אפשר וואָלט דעמאָלט גאָר פּאַרגעקומען א פאַראייניגונג פון די „שוואַרצע" מיט די „ברוינע" (די „קריסטליך־סאָציאַלע" מיט די „נאַצים"); וואָרים זיי זיינען דאַך דעמאָלט נאָך ניט געווען אזעל־כע שונאים צווישען זיך. וואָלט דאַך דעמאָלט גאָר מעגליך געווען, אז היטלער זאָל ווערען דער הערשער איבער עסטרייך?

די אונגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין יאָהר 1919, און אויך די איטאַליענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין יאָהר 1922, האָבען אין זייערע לענדער געפיהרט א „לינקע", א רעוואָלוציאָנערע, שיר ניט א קאָמוניסטישע פּאָליטיק. און מיר ווייסען דאָך, מיט וואָס פאַר א נידערלאַגעם די דאָזיגע פּאָליטיק האָט זיך איןביידע לענדער געענ־דיגט. דערפאַר אָבער האָבען שוין די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אויסגעקליבען א וועג זעהר א „שטאַאַטסמענערישען" (צו האַנדלען „שטאַאַטסמענעריש" הייסט האַנדלען ווי א שטאַאַטסמאַן, ווי א קלוגער פּאָליטיקער, וואָס נעמט אין אַנבאַטראַכט די אומשטענדען און האַנ־דעלט מיט באַרעכענטקייט, מיט פּראַקטישען שכל), א זעהר ראַציאָ־נאַלען און א זעהר „רעכטען" וועג. און אויך זיי זיינען געשלאָגען געוואָרען. מיר אין עסטרייך האָבען געפּרואווט געהן אויף א מיטעל־וועג צווישען איטאַליעניש־אונגאַרישען און דעם דייטשען וועג — און אויך מיר זיינען געשלאָגען געוואָרען. פון דעם איז געדרונגען, אז די אורזאַכען פון די נידערלאַגעם פון דעם ארבייטער־קלאַס ליגען, ווי עס ווייזט אויס, טיפער איידער נאָר אין דער טאַקטיק, אין דער פּאָליסי און דעם וועג פון זייערע פּאַרטייען; אז די אורזאַכען פון די דאָזיגע נידערלאַגעם האַרף מען זוכען טיפער, איידער נאָר אין די טאַקטישע פעהלערען, וואָס די פּאַרטייען פון דעם ארבייטער־קלאַס באַגעהען.

די אורזאַכען פון דער נידערלאַגע אין עסטרייך

אין דעם טאָג פון אונזער נידערלאַגע האָט א דעמאָקראַטישער בירגער געזאָגט: „דאָס אומגליק פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען איז געווען ברייטנער". (הוגאָ ברייטנער איז א געוועזענער דירעקטאָר פון א ווינער באַנק, וואָס איז אין יאָהר 1918 צוגעשטאַנען

צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און האָט געפיהרט די פינאַנץ־פּאָליטיק פון דער סאָציאַל - דעמאָקראַטישער ווינער שטאָט - פּאַרוואַלטונג). ברייטנער האָט ארויפגעלעגט הויכע טעקסעס אויף די, וואָס האָבען געקאָנט צאָהלען, און האָט פון דעם געבויט שעהנע וואוינונגען פאַר ארבייטער. די הייזער האָבען אויף זיך ניט געהאַט קיין שולדען, האָבען ניט געדאַרפט צאָהלען קיין אינטערעסט אויף קאַפּיטאַל, און די וואוינונגען זיינען דערפאַר געווען זעהר ביליג, די ארבייטער האָבען געצאָהלט זעהר א נידעריגע רענט. ברייטנער האָט ארויפגעלעגט טעקסעס אויף לוקסוס, אויף אלע פאַרגעניגענס, און האָט געבויט ביליגע וואוינונגען פאַר אָרימע. ער האָט אויסגעבויט די גרויסע הילפס־אינסטיטוציעס, האָט געשאַפען מאָדערנע שולען פאַר קינדער. דאָס אלץ האָבען די רייכע, די באַזיצענדע קלאַסען שוין מעהר ניט געקאָנט אריבערטראָגען. אונזערע שונאים זאָגען, אז אונזער שולד איז געווען ברייטנער׳ס פּאָליטיק, די שווערע טעקסעס וואָס ער האָט ארויפגעלעגט אויף די רייכע, אבער מיט דעם זאָגען זיי נאָר, אז אונזער שולד איז געווען דאָס, וואָס מיר זיינען טאַקע געווען סאָציאַליסטען.

אין דעם טאָג פון אונזער נידערלאַגע האָט איינע פון די בורזשואַזע צייטונגען געשריבען, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען דערפאַר באַזיגט געוואָרען, ווייל זיי האָבען ניט דערלאָזט דורכפיהרען זאַכען וואָס זיינען נויטיג געווען פון דעם שטאַנדפונקט פון דער עסטרייכישערווירטשאַפט. דאָס איז אמת. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען ניט דערלאָזט, אז מען זאָל אָפּשאַפען דאָס „מיטער־שוץ־געזעץ“ (דאָס געזעץ וואָס דערלאָזט ניט אז א לענדלאָרד זאָל אזוי לייכט קאָנען ארויסוואַרפען א טענאַנט, אָדער העכערען די רענט), וואָס האָט נאָך עקזיסטירט פון דער מלחמה־צייט. אונזערע געגנער ריידען וועגען „זאַכען וואָס זיינען נויטיג געווען פון דעם שטאַנדפונקט פון דער עסטרייכישער ווירטשאַפט“. זיי מיינען מיט דעם די עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָפיט, פון דער קאַפּיטאַליסטישער רענט. דאָס איז אמת, מיר זיינען טאַקע אין דעם שולדיג; מיר האָבען מעהר אָפּגעהיט די מענשליכע נויטווענדיגקייט, אז שלעכט־באַצאָהלטע ארבייטער, וואָס האָבען ווענציג ארבייט, און ארבייטסלאָזע ארבייטער, און פאַראָרימטע היים־ארבייטער זאָלען בעסער האָבען א דאַך איבער׳ן קאָפּ, און מיר האָבען טאַקע ניט אָפּגעהיט די „עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט“ פון פּראָפיט און פון רענט.

נאָך אונזער נידערלאַגע האָבען מיר אָפט געהערט פון די בורזשואַזע געגנער אַזאַ טענה: „די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען אנגעווענדעט אלע פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען און האָבען פאַר קיין פאַל

ניט געוואָלט דערלאָזען מען זאָל אָפּשאַפען די געזעצען וועגען „סאָציאַל אינשורענס“, די געזעלשאַפטליכע שוץ־געזעצען, וואָס זיינען טאַקע אַמאָל אפשר נויטיג געווען, אָבער וואָס זיינען איצט, אין דער צייט פון קריזיס, געוואָרען אומערטרעגליך. און אויב די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען ניט דערלאָזען אָפּצושאַפען יענע געזעצען מיט פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען, האָט מען געמוזט איינפיהרען די דיקטאַטור און אויף אַזאַ אופן פּטור ווערען פון יענע געזעצען. יאָ, עס איז אמת. מען האָט געמוזט פאַרניכטען די דעמאָקראַטישע אָרדנונג. די סאָציאַליסטען האָבען געמוזט ליידען אַ בלוטיגע נידערלאַגע, ווייל די קאַפּיטאַליסטען האָבען געדאַרפט פאַרניכטען די אַרבייטער־געזעצען, ווייל זיי האָבען זיך געמוזט באַפרייען פון די „געזעלשאַפטליכע לאַסטען“, וואָס די יוניאָנס האָבען אויף זיי אַרויפגעלייגט.

דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט פאַרשאַרפט די געגענזאַצען פון די פאַרשיידענע קלאַסען און זייערע אינטערעסען. איז טאַקע אמת, אַז די עסטרייכישע קאַפּיטאַליסטען זיינען פאַראָרימט געוואָרען צוליב דעם קריזיס, און דער פאַראָרימטער קאַפּיטאַליסט איז אַ גרעסערער שונא פון די אַרבייטער, איידער דער רייכער קאַפּיטאַליסט אין דער צייט ווען זיינע געשעפטען געהען גוט און בליהען. דער רייכער לאָזט געֶרנער אַראָפּפאַלען אַ פאַר ברעקלאך פון זיין רייכען טיש אויך פאַר די אָרימע אַרבייטער. דער פאַראָרימטער ווייס ניט פון קיין אַנדער מיטעל ווי אַזוי אָפּצוהאַלטען זיין באַנקראָט, ווי נאָר דורך שניידען די וועידזשעס און אַראָפּוואַרפען פון זיך די „געזעלשאַפטליכע לאַסטען“, טעקסעס פאַר נויטיגע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונגען און אויסגאַבען.

דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט פאַרוואַנדעלט אין פּראָלעטאַריער, אין באַזיצלאָזע מענשען סיי די קליינע אייגענטימער אין שטאָט און סיי די פויערים. די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט האָט ניט געקאָנט ראַטעווען די מאַסען פון דעם קריזיס, ניט דערפאַר, ווייל זי איז דעמאָקראַטיש, נאָר דערפאַר, ווייל זי איז בורזשואַזיש, ווייל זי שטיצט זיך אויף קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטניסען אין פּראָדוקציע. דאָס האָבען אָבער די שטאָטישע קליינע אייגענטימער און די פויערשע מאַסען ניט פאַרשטאַנען. זיי זיינען געווען פאַראָרימט און פאַרביטערט, האָבען זיי זיך אינגאַנצען אָפּגעווענדעט פון דעמאָקראַטיע און דעמאָקראַטישע אידייען. זיי האָבען גענומען אַרומזוכען עפּעס נייעס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ניט אויסגענוצט געוואָרען, וואָס האָט זיך נאָך ניט אַרויסגעשטעלט פאַר אַ דורכפאַל, און וואָס זאָל זיי קאָנען ראַטעווען. און אַזוי זיינען זיי רייף געוואָרען פאַר דעם פאַשיזם. און

דערמיט ערקלערט זיך, וואָס די אַגענטען פון דעם „היימוועהר“ האָבען געקאָנט געווינען פאַר זיך די זיהן פון די שטאָטישע מיטעלקלאַסען, פון די קליינע אייגענטימער און די זיהן פון די פויערים. אַזוי זיינען זיי ארונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די אריסטאָקראַטישע פּריצים, די גרויסע לאַנד־אייגענטימער. אַזוי זיינען זיי ארונטערגע־פאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די אַמאָליגע עסטרייכישע גענעראַ־לען, וועלכע זיינען די קאָמאַנדירען פון דעם „היימוועהר“. די פיהרער פון די שטאָטישע מיטעל־קלאַסען און פון די פויערים זיינען געוואָרען יענע קלאַסען, וועלכע האָבען פריהער, אין דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1918, פאַרלוירען זייער הערשאַפט.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט אָנגעהויבען אַ קאַמף געגען דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג. ער האָט אָנגעהויבען צו ברעכען די מאַכט פון די יוניאָנס, האָט אָנגעהויבען צו פאַרניכטען די רעכט, וואָס די ארבייטער האָבען זיך ערוואָרבען. די אריסטאָקראַטען, די גרויסע פּריצים און גענעראַלען האָבען אָנגעהויבען צו שאַפען מיליטער פון די זיהן פון פאַראָרימטע שטאָטישע מיטעל־קלאַס מענשען און פויערים. די דאָזיגע מיליטערישע מחנות האָבען עס געדאַרפט צוברעכען די דעמאָקראַטישע מלוכה און אויף איהר אָרט צוריק אויפבויען אַ מלוכה פון זעלבסטהערשער, אַזאַ מלוכה, וואָס איז געווען אין עסטרייך נאָך פאַר דער מלחמה, אַ מלוכה, אין וועלכער די אריסטאָקראַטען, פּריצים און גענעראַלען זיינען געווען די הערשער. און אין דערזעלבער צייט, ווען דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, איז די מאַכט פון די ארבייטער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען. מעהר ווי אַ דריטעל פון אַלע ארביי־טער זיינען געווען ארויסגעוואָרפען פון זייערע שטעלעס, און אַלע אי־בעריגע ארבייטער האָבען געציטערט פאַר זייערע דזשאָבס.

דאָס איז שוין אַ היסטאָרישער פאַקט זינט דעם רעוואָלוציאָנערען יאָהר 1848, אַז טאָמער איז פאָרגעקומען עפּעס אַ גרויסע איבערקע־רעניש אין דייטשלאַנד, איז באַלד אַן עהנליכע איבערקערעניש פאָר־געקומען אויך אין עסטרייך. ווען די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ליבע־ראַלען זיינען אין דייטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט, האָט אויך עסטרייך באַקומען אַ בורזשואַזע רעגירונג. אין יאָהר 1878 האָט זיך דער דאַמאָלסטיגער דייטשער פּרעמיער־מיניסטער ביסמאַרק ווי־דער אָפּגעקערט פון די ליבעראַלען, און באַלד האָט אויך אין עסטרייך אויפגעהערט די ליבעראַלע הערשאַפט, און עס איז געקומען צו דער מאַכט אַ רעגירונג פון גרויסע פּריצים און גייסטליכע, אונטער דער אָנפיהרונג פון טאַפע. ביסמאַרק האָט ארויסגעגעבען דאָס באַריהמטע סאָציאַליסטען געזעץ (וואָס האָט כמעט געשטעלט אויסער׳ן געזעץ די

סאָציאַליסטען), האָט אויך טאָפּע אין עסטרייך ארויסגעלאָזט א פאַר־אָרדנונג מיט אויסנאַמס־געזעצען געגען די סאָציאַליסטען. ווען ביס־מארק'ס סאָציאַליסטען־געזעץ איז אין דייטשלאַנד אָפּגעשאַפט געוואָרען, איז אויך טאָפע'ס פאַראָרדנונג צוריקגעצויגען געוואָרען. דעם 9טען נאָוועמבער פון יאָהר 1918 איז געפאַלען דער דייטשער קייזער־ליכער טראָן. מיט דריי טעג שפּעטער איז עסטרייך אויך געוואָרען א רעפּובליק. אזוי איז די אנטוויקלונג פון דער לאַגע אין עסטרייך שטענדיג אָפּהענגיג געווען פון דער לאַגע אין דייטשלאַנד. אזוי איז אויך געווען איצט. ווען היטלער האָט אין דייטשלאַנד פארניכטעט די דעמאָקראַטיע און די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, האָבען די עסטריי־כישע אריסטאָקראַטען, גענעראַלען און קאַפּיטאַליסטען דערפיהלט, אז איצט איז געקומען דער מאָמענט אויך אין עסטרייך איינצופיהרען א פאַשיסטישע דיקטאַטור און אויך דאָ צו פארניכטען די פּאַרטיי פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די יוניאָנס.

עס פאַרשטעהט זיך, אז די אריסטאָקראַטען און די גענעראַלען, וועמעס אידעאַלען זיינען פארבונדען מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון דער האַבסבורגער אימפּעריע און אויך די קאַטוילישע גלחים האָבען ניט געוואָלט, אז היטלער זאָל הערשען איבער עסטרייך. געוואָלט האָבען זיי אָבער אויסנוצען היטלער'ס זיג איבער דער דעמאָקראַטיע און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און איינפיהרען אין עסטרייך א היימישען עסטרייכישען פאַשיזם, א פאַשיזם פון די אַלפּען־בערג. (די שטעט וואָס ליגען אין דרום פון עסטרייך, אין די אַלפּען־בערג, זיינען שטענדיג געווען מעהר רעאַקציאָנער, איידער די שטעט ארום וויען).

דעם 5טען מערץ, פון יאָהר 1933, ווען היטלער האָט געהאַט זיין גרויסען וואַהל־זיג אין דייטשלאַנד, האָט זיך אויך גענומען שטאַר־קען די נאַצישע באַוועגונג אין עסטרייך, און היטלער האָט אָנגעהויבען זיין קאַמף איינצונעמען עסטרייך. דעמאָלט וואָלט געווען זעהר נאַ־טירליך, אז אַלע וואָס ווילען ניט, אז עסטרייך זאָל זיך פאַרבינדען מיט היטלער'ס „דריטער מלוכה", זאָלען זיך פאַרבינדען מיט די סאָ־ציאַליסטען געגען דער „ברוינער" היטלעריסטישער געפאַהר. דאָס האָבען אָבער ניט געוואָלט דערלאָזען ניט די גענעראַלען און אריס־טאָקראַטען, וואָס ווילען צוריק האָבען דאָס אַמאָליגע עסטרייך, ניט די קאַפּיטאַליסטען וואָס זיינען אויסען געווען צו פאַרניכטען די יוניאָנס און אראָפּוואַרפען פון זיך די „געזעלשאַפטליכע לאַסטען", די טעקסעס, ניט די גרויסע גלחים, וואָס זאָגען אַליין, אז זיי איז שוין ליבער די „פאַשיסטישע רוט", איידער דעמאָקראַטיע, וואָס ערלויבט א פריידענ־קערישע פּראָפּאַגאַנדע. דער יעזואיטישער גלח ביכלמייער האָט עס

אליין צוגעגעבען. ווען זיי אלע וואלטען דערלאזען צו א פאר־איייניגונג פון אלע קרעפטען, וואס זיינען געגען א פארבינדונג מיט היטלער׳ס דייטשלאנד, וואלטען זיי דאך דורכגעלאזען די גוטע געלע־גענהייט צו פארניכטען די סאציאליסטישע און ארבייטער־באוועגונג; און ווער וויים ווען עס קען זיך נאך אמאל מאכען אזא מין צייט.

און אט אזוי האבען זיך די פאשיסטישע הערשער אונטערגענומען צו פיהרען א קאמף גלייכצייטיג אויף צוויי פראנטען, אי געגען די סאציאל־דעמאקראטען, אי געגען די נאצים. זיי האבען געקעמפט געגען א מערהייט פון ווייניגסטענס 70 פראצענט פון זייער אייגענעם פאלק, און האבען דאריבער געמוזט אנווענדען אלע שארפערע מיט־לען. אלע מאל מעהר און מעהר זיינען זיי געצוואונגען געווען צו ברעכען די פאלקס־פארטרעטערשאפט, און זיי האבען סוף כל סוף געמוזט צוגעבען, אז זיי ווילען אין דער צוקונפט אינגאנצען אפשאפען די אלגעמיינע פאלקס־וואהלען. אנדערש קענען זיי זיך דאך ניט האל־טען ביי דער מאכט. די געגענזאצצען האבען זיך אלץ מעהר און מעהר פארשטארקט, און ענדליך איז געקומען דער אויגענבליק, ווען די אר־בייטער האבען געהאט נאר צוויי אויסוועגען: אדער זיך אונטערגע־בען מיט שאנדע, אדער צו פיהרען א פארצווייפעלטען, האפענונגס־לאזען קאמף.

איצט האבען יענע קלאסען געזיגט אין זייער קלאסען־קאמף געגען די ארבייטער. איצט שרייען זיי אויף א קול: „עס טאר מעהר ניט עקזיסטירען קיין קלאסען־קאמף“.

און טאקע אין דער אמת׳ען: קען מען דען זאגען אז עס איז דא א קלאסען־קאמף אין א צייט, ווען די ארבייטער זיינע רעכטלאז, שוצלאז און אהן א ברעקעל מאכט, ווען די קאפיטאליסטען, די גרויסע לאנד־אייגענטימער, די אלטע גענעראלען און די גרויסע גלחים הערשען, און די ארבייטער קענען אפילו דעם קאפ ניט אויפהויבען? אין אזא צייט איז טאקע ניטא קיין קלאסען־קאמף. זיי זאגען אז עס דארף הערשען א שלום צווישען די קלאסען,—און דאס אין דער צייט ווען זיי האבען געמארדעט ארבייטער, ארבייטער־פרויען און ארבייטער־קינדער; ווען זיי האבען געהאנגען פארוואונדעטע ארבייטער, ווען זיי האבען גע־שאסען אויף ארבייטער־הייזער! ניין, דאס איז ניט קיין שלום פון קלא־סען. דאס איז פארשקלאפונג פון ארבייטער אונטער דער דיקטאטור פון די הערשענדע קלאסען. אבער זיי האבען א טעות, די הערשער. זיי ווערלען זיך גיך איבערצייגען, אז זיי האבען געזיגט בלויז אין איין קלאסען־שלאכט. די מלחמה פון די קלאסען וועט אבער ווייטער בלייבען און אנגעהן ווי געווען.

וואָס וועט ווייטער זיין?

די גרויסע געביידע פון די אָרגאַניזאַציעס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין עסטרייך איז צובראָכען געוואָרען. מען קען אבער ניט צוברעכען די איבערצייגונג פון 600,000 אָרגאַניזירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין עסטרייך.

עס פארשטעהט זיך, אז עס וועלען זיין פאררעטער. פונקט אזוי ווי עס זיינען געווען אין נאָוועמבער פון יאָהר 1918 נאָך דער רעוואָלוציע, „נאָוועמבער סאָציאַליסטען" (וואָס זיינען פלוצלינג איבערנאכט געוואָרען פייערדיגע סאָציאַליסטען), אזוי וועלען אויך איצט זיין „פעברואר פאַטריאָטען". עס פארשטעהט זיך, אז פילע, פילע, וואָס זיינען נאָר צוליב פערזענליכע נוצען אמאָל געקומען צו דער סאָציאַליסטישער פארטיי, וועלען איצט אָפּפאַלען. פארשטעהט זיך, אז פילע שרעקעדיגע וועלען זיך איצט צוריקציהען; נאָך פיל מעהר אָרימע מענשען וועלען איצט זיין געצוואונגען צו חנפ'ענען מיט כעס אין הארצען די הערשער, אום צו פארדינען דאָס שטיקעל ברויט פאר ווייב און קינדער. אָבער דער קערן פון דער פארטיי וועט בלייבען פעסט. ער איז געלייטערט און געשטארקט געוואָרען אין דעם פייער פון קאַמף. די גרויסע שולע פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועט ווייזען וואָס זי קען.

די עסטרייכישע ארבייטער זיינען צוגעוואוינט צו זיין אָרגאַניזירט. זיי זיינען גרויסע מייסטערס אין דער קונסט פון אָרגאַניזירען זיך. עס וועט ניט לאַנג געדויערען און זיי וועלען ווידער האָבען זייערע אָרגאַניזאַציעס. די פארבאָטענע פארטיי פון די נאַציס איז היינט אויך פיל שטארקער, ווי אין דעם מאָמענט, ווען מ'האָט זי פארבאָטען. איצט איז פארבאָטען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פארטיי, אָבער זי וועט זיכער ווייטער לעבען. זי וועט לעבען אין אַנ'אַנדער פאָרם, צוגעפאַסט צו די נייע באַדינגונגען.

עס פארשטעהט זיך, אז אין דעם איצטיגען מאָמענט קאָנען מיר און דאַרפען אויפבויען אין עסטרייך ניט קיין דעמאָקראַטישע מאַסען־אָרגאַניזאַציע מיט הונדערטער טויזענטער מיטגלידער. מיר קאָנען און מוזען איצט האָבען אַן אָרגאַניזאַציע פון פעסטע, ענגע קרייזען, וואָס זאָלען קענען האָבען אַן איינפלוס אויף די מאַסען אין די פאבריקען און אונטערנעמונגען, אָדער אין די אזוי גערופענע „שטעמפעל־פלעצער" (וואו די ארבייטסלאָזע קומען אָפּשטעמפלען זייערע ביכלאך אויף צו באַקומען די שטיצע פאר ארבייטסלאָזע). אָט די קרייזען וועלען שפּעטער די מאַסען ווידער פיהרען צום קאַמף.

דערוויל מוזען מיר אזוי ווייט ווי מעגליך פארהיטען, אז די אר־בייטער זאָלען ניט ארונטערפאַלען אונטער פרעמדע איינפלוסען. מיר האָבען ניט קיין מורא, אז דאָלפוס און פעי וועלען געווינען די ארביי־טער אויף זייער זייט. די ארבייטער האָבען פאר דעם 12טען פעברואר פיינט געהאט די הערדען, וואָס האָבען צובראָכען אונזערע געזעל־שאפטליכע דערגרייכונגען. די ארבייטער האסען איצט נאָך מעהר די מערדער פון זייערע פרויען און קינדער, וואָס האָבען מיט שווערע קאַנאָנען געשאָסען אויף די ארבייטער־היימען.

מורא האָבען מיר פאר די נאַצים. דער נאַציזם, דער היטלעריזם, קען יאָ אריינדרינגען צווישען די ארבייטער. ווען דער קאמף אין וויען האָט זיך געענדיגט, האָבען שוין איינצעלנע ארבייטער געזאָגט: „איצט האָבען מיר ניט קיין אנדערען אויסוועג, ווי נאָר צו קעמפען צוזאמען מיט די נאַצים געגען דאָלפוס'ען". ניט איין ארבייטער דענקט זיך היינט: „ווען די נאַצים זאָלען אונז נאָר צוזאָגען, אז זיי וועלען אויפ־הענגען דאָלפוס'ען און פעי'ען, זיינען מיר גרייט צו געהן מיט זיי!" אָט אין דעם זעה איך אן ערנסטע געפאַהר; און ס'איז אונזער ערשטע אויפגאבע צו באַקעמפען די דאָזיגע געפאַהר.

לאָמיר ניט פארגעסען, וואָס היטלער האָט געטאָן אין דייטש־לאַנד! דער שונא אויף לעבען און טויט פון די דייטשע ארבייטער איז אויך אונזער שונא. מען טאָר ניט דערלאָזען, אז דער הייליגער און גערעכטער צאָרן פון די ארבייטער געגען די קליינע טיראנען אין אייגענעם לאנד זאָל אזוי ווייט פארפיהרען, אז מען זאָל העלפען צו קומען צו דער מאַכט אין עסטרייך דעם גרויסען דעספאָט און טיראַן פון דער דייטשער „דריטער מלוכה", — היטלער'ן.

מען מוז צוזאמענגנעמען אלע כחות. מען טאָר אויף קיין פאַל ניט דערלאָזען, אז דער דייטשער נאַציאָנאַל־פאַשיזם זאָל אריינדרינגען צווי־שען די עסטרייכישע ארבייטער.

דאָס איז בלויז די ערשטע אויפגאבע. אבער חוץ דיזער אויפגאַ־בע, וועלען די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען דארפען ערפילען נאָך א גרויסע היסטאָרישע אויפגאבע.

די דיקטאַטור פון דאָלפוס און פעי וועט לאַנג ניט אָנהאַלטען. היטלער האָט זיך געשטיצט אויף זיינע שטרענגע מיליטערישע אָרגאַ־ניזאַציעס; מוסאָליני האָט זיך געשטיצט אויף זיינע „שווארצע העמד־לעך". דער עסטרייכישער פאַשיזם פארמאָגט ניט אזא פאַשיסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. דערפאַר האָט דאָלפוס אָבער דעם „פאַ־טערלאַנד־פראָנט"; אָבער דאָס זיינען ניט קיין מוסאָלינישע „שוואר־צע העמדלעך". דאָס איז א געמיש, א קאַשע מיט גריץ פון מענשען

פון דער אידישער בורזשואזיע, וואָס האָבען מורא פאר היטלער'ס אנטיסעמיטיזם, פון מאָנארכיסטישע אריסטאָקראטען, פון קאטוילישע קליינע אייגענטימער, פון סאָלדאטען פון דעם „היימווער", וואָס טרעטען אלע מאָל ארויס געגען דאָלפוס'ען און פרעסען פון איהם ארויס אלץ, וואָס זיי ווילען נאָר, און פון אלערליי „שטודעם"־באנדעס, וואָס ווערען אָרגאניזירט געגען דעם „היימווער". חוץ דעם געפינען מיר דאָ א גרויסע מאסע ארימעלייט, וואָס א העלפט פון זיי זיינען באהאָל־טענע סאָציאַל־דעמאָקראטען. זיי טראָגען נאָר דערפאר דאָס רויט־ווייס־רויטע בענדעלע, אום צו האָבען א שטעלע, אָדער אום צו קאָנען באקומען א שטעלע. אזא מין פארזעהעניש, ווי די איצטיגע עסטריי־כישע רעגירונג, קען קיין לאַנג לעבען ניט האָבען און קען ניט זיין קיין שטיצע פאר דער פאשיסטישער דיקטאטור.

עס איז פאראן א גרויסע מיינונגס־פארשיידענהייט צווישען די „קריסטליך־סאָציאלע" פויערים און די שטאָטישע בעלי־מלאכות און קרעמער פון איין זייט און די אריסטאָקראטען וואָס פיהרען אָן מיט די באטאַליאָנען פון דעם פאשיסטישען „היימווער" פון צווייטען זייט. זיי פיהרען אינטריגעס איינער געגען דעם אנדערען. זיי באוואָפענען זיך איינער געגען דעם אנדערען. די פאשיסטישע דיקטאטור קען זיך נאָך ענדיגען מיט א קאַמף פון פאשיסטען געגען פאשיסטען.

נאָר אין גיכען קאָן געשעהן, אז די עסטרייכישע פאשיסטישע מאכט וועט באשטעהן פון צוויי גרופּען, וואָס קעמפען איינע געגען דער אנדערער. עס פארשטעהט זיך, אז דאָס וועט פאר אונזער זאַך זיין א גוטע געלעגענהייט. לאָמיר נאָר זעהן צו זיין אויפ'ן אָרט, צו זיין שטארק גענוג, אום צו קאָנען אויסנוצען די לאַגע.

אָבער אויב אפילו עס וועט ניט צופאלען די עסטרייכישע פאשיס־טישע פאראייניגונג, אויב דאָלפוס וועט ווייטער געטריי דורכפיהרען די באפעהלען, וואָס פעי גיט איהם, אויב די „קריסטליך־סאָציאלע" פויערים און שטאָטישע קליינע אייגענטימער וועלען בלייבען געהאָרכ־זאם צו די אריסטאָקראטען און גענעראלען, וואָס פיהרען אָן מיט'ן „היימווער", האָט דער עסטרייכישער פאשיזם נאָך א געפעהרליכען שונא געגען זיך. דער אויפשטאַנד פון די ארבייטער איז בלוטיג דערשטיקט געוואָרען און האָט אָנגעצונדען אין די מאַסען א שטארקען האַס צו די, וואָס האָבען דעם אויפשטאַנד דערשטיקט. אבער ד אָ ס וועט שטארקען דעם דייטשען נאַציזם.

אונזער פארטיי איז אויפגעלייזט געוואָרען, די אָרגאניזאציעס פון דער יוגענט זיינען צושטערט געוואָרען. דאָס זיינען געווען די לעצטע פלאַ־טינעס, וואָס האָבען נאָך ווי עס איז אָפּגעצאַמט און אָפּגעהאַלטען די

ברוינע היטלעריסטישע שטראָמען. עס קען נאָך קומען אַזאַ שטונדע, ווען די היינטיגע זיגער וועלען פון שרעק פאַר דעם דייטשען נאַציזם זוכען שוץ ביי די היינטיגע באַזיגטע, ביי די ארבייטער.

ווי אַזוי קען זיך דאָלפוס ראַטעווען פון אַזאַ מין לאַגע? ער קען זיך איבערבעטען מיט היטלער'ן. ער קען אויך ווידער אוועקזעצען אויפ'ן טראָן א קייזער פון דער האַבסבורגער פאַמיליע, און אויף אַזאַ וועג ראַטעווען זיך.

אָבער מיט א קורצער צייט צוריק האָט דאָלפוס געזוכט א וועג צוצוקומען צו היטלער'ן. איז זעהר מעגליך, אַז ער, דער בלומרשט „גרויסער קעמפער פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון עסטרייך", וועט מאָרגען ווידער געהן אויף דעם זעלבען וועג. עס איז אבער קלאָר, אַז יעדע שוואַרץ־ברוינע פאַרבינדונג אין עסטרייך, יעדע פאַרבינדונג צווי־שען די עסטרייכישע פאַשיסטען און היטלעריסטען, ווי מען זאָל זיי ניט קערען און ווענדען, מוז ענדליך פיהרען צו דער באַריהמטער היט־לעריסטישער „גלייכשאַלטונג", — דאָס הייסט, עסטרייך מוז אונטער־געאָרדענט ווערען, אויסגעגלייכט ווערען מיט אַנדערע דייטשע פּראָ־ווינצען, עסטרייך מוז פאַרוואַנדעלט ווערען אין א צווייטער דאַנציג, מוז זיך אויף אַן אמת אָנשליסען אָן היטלער'ס „דריטער מלוכה".

אַזאַ מין אָנשליסען זיך פון עסטרייך מיינט אָבער ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א נייע אייראָפּעאישע מלחמה!

דאָלפוס קען פּרואווען דעם צווייטען וועג, דעם וועג צו א מאָ־נאַרכיע, מיט א האַבסבורגער אויפ'ן טראָן. דאָס איז דער ציל פון פעי, ווידער אויפשטעלען אַן עסטרייך־אונגאַרישע מלוכה, אונטער דער הערשאַפט פון די האַבסבורגער. דאָס איז דער ציל פון די אַריס־טאָקראַטען און גענעראַלען, וואָס זיינען איצט די קאָמאַנדירען פון „היימוועהר". דאָס קען ווערען די לעצטע רעטונג פון דער דיקטאַטור. מען האָט געמוזט פאַרניכטען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אום איבער זיי זאָל דער קייזער ווידער אריינמאַרשירען אין דער ווינער „האָפ־בורג", דעם געוועזענעם פּאַלאַץ פון די האַבסבורגער קיסרים. ווען א האַבסבורג וועט ווידער הערשען איבער עסטרייך, דעמאָלט וועט מען מיט דער הילף פון די אונגאַרישע באַאַנטען און ביקסען אויפהאַל־טען די דיקטאַטור אין עסטרייך. וואָס־זשע וועט אונגאַרן דערפון האָבען? אונגאַרן וועט דערפאַר מיט דעם בלוט פון די עסטרייכישע אַרבייטער, פויערים און בירגער ווידער איינגעמען פאַר דעם אונגאַ־רישען קעניג די פּראָווינצען סלאָוואַקיע און קראָאַציע, וועלכע עסט־רייך־אונגאַרן האָט פאַרלוירען אין וועלט־קריג.

איז דאָס בלויז א חלום? ניין! ווען דאָלפוס האָט באַזיגט די

עסטרייכישע ארבייטער, איז זיין ערשטער אויפטו געווען צו אראנ־זשירען א קאָנפערענץ מיט מוסאָליני׳ן און דעם אונגארישען פּרעמיער־מיניסטער געמבעש. דער איטאַליעניש־עסטרייכישער בונד איז אויף׳ן וועג. די עסטרייכישע מאָנאַרכיסטען האָפען, אז מוסאָליני וועט חתונה מאַכען א טאָכטער פון דעם איטאַליענישען קעניג מיט דעם יונגען פּרינץ אָטאָ האַבסבורג, און וועט שטארק העלפען ווידער אויפ־שטעלען א נייע עסטרייך - אונגארישע האַבסבורג - מאָנאַרכיע. זיי מיינען, אז פראנקרייך וועט זיך ניט אנטקעגענשטעלען צו אזא מין פּלאַן. אויב דער פּלאַן וועט דורכגעפיהרט ווערען, וועט דאך עסטרייך שוין אויף אייביג זיין אָפּגעטיילט פון דייטשלאַנד. זיי מיינען, אז טשעכאָסלאָוואקיע און יוגאָסלאַוויע וועלען זיך ניט קענען אנטקעגענ־שטעלען אזא מין פּלאַן; ווארים אויב איטאַליע וויל און פראנקרייך שטעלט זיך ניט אנטקעגען, טאָ וואָס קענען זיי, די שוואכע מלוכות, זיך העלפען? אבער אין דעם זעלבען טאָג, ווען די מאָנאַרכיע אין עסטרייך וועט ווידער אויפגעריכט ווערען, וועלען זיך אָנהויבען די אינטריגעס אין די פּראָווינצען סלאָוואקיע און קראָאַציע. (סלאָוואקיע איז איצט א טייל פון טשעכאָסלאָוואקיע און קראָאַציע איז א טייל פון יוגאָסלאַוויע). פּונקט ווי דער אַנשלוס צו דייטשלאַנד, אזוי באַדייט אויך די אויפריכטונג פון א מאָנאַרכיע אין עסטרייך ניט עפּעס אנ־דערש, ווי א נייעם אייראָפּעאישען קריג!

די פּארניכטונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי האָט פריי געמאַכט פאר דאָלפוס׳ןביידע וועגען, סיי דעם וועג צו היטלער׳ן און סיי דעם וועג צו א האַבסבורגער מאָנאַרכיע. אבער יעדער איינער פון די צוויי וועגען פיהרט צו א קריג. אייראָפּע וועט נאָך איינזעהן דעם אומגעהויערען שאָדען פאר דעם אייראָפּעאישען פרידען, וואָס דער פאַשיסטישער זיג איבער דער עסטרייכישער סאָ־ציאַליסטישער פּארטיי האָט מיט זיך געבראַכט.

אבער אויב די איצטיגע קאָנטר־רעוואָלוציע וועט פיהרען צו א קריג, וועט דער קריג פיהרען ווידער צו א רעוואָלוציע!

עס איז מעגליך, אז די איצטיגע עסטרייכישע דיקטאַטור וועט געהן צו־גרונד צוליב די קלאַסען־געזענזאַצען אין אייגענעם לאַגער. עס איז מעגליך, אז זי וועט אונטערגעהן צוליב דעם געגענזאַץ צווישען דעם עסטרייכישען פאַשיזם און דעם היטלערישען נאַציזם. עס איז מעגליך, אז די עסטרייכישע דיקטאַטור וועט זוכען זיך צו ראַטעווען דורך א פאַרשטענדיגונג מיט היטלער׳ן און דורך א האַבסבורגער מאָ־נאַרכיע. איין זאַך איז אָבער זיכער: איהרע טעג זיינען געצעהלט! לאַנג קען דאָס ניט אָנהאַלטען, אז דרייסיג פּראָצענט פון פאָלק זאָלען

הערשען איבער זיבעציג. לאנג וועט דער דארף ניט קענען הערשען איבער דער גרויס־שטאט; לאנג וועט איין דריטעל פון פאלק אונטער דעם איינפלוס פון די גלחים ניט קענען הערשען איבער צוויי דריטעל פון א פאלק, וואס קענען ניט ליידען די דאזיגע גלחים.

עס וועלען שוין קומען די געלעגענהייטען, וואס מיר וועלען דארפען אויסנוצען. מיר דארפען נאר וועגען איין זאך טראכטען: מיר מוזען זיין גרייט צו דעם טאג, ווען די געלעגענהייט וועט זיך מאכען.

דער טאג פון נקמה, דער טאג פון זיג וועט קומען!

אין דעם טאג פון דעם זיג וועלען די עסטרייכישע ארבייטער, מיט פלאטערענדע פאהנען, געהן צו די קברים פון אונזערע געפאלענע און פון די הינגעריכטעטע; זיי וועלען געהן צו זייערע קברים און וועלען מיט אייביגער דאנקבארקייט געדענקען די העלדען פון דעם עסטרייכישען פרייהייטס־קאמף.

בראטיסלאווא, טשעכאסלאוואקיע,
דעם 19טען פעברואר, 1934.

אן ענטפער פון אטא באוער צו די קריטיקער*)

צו געבען א קריטישע אפהאנדלונג פון די מיליטערישע פאסירונגען אין דעם עסטרייכישען אויפשטאנד, איז נאך צו פריה. דער אויסלענדישער צענטער פון די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען באזיצט שוין הונדערטער רעפארטען פון דעם קאמף, וואס זיינע אנטיילנעמער האבען צוגעשטעלט. דאך איז דער אנגעזאמעלטער מאטעריאל ניט גענוג אויף צו קענען האבען אזא פולען בילד פון די אפעראציעס, אדער שלאכטען, אז עס זאל מעגליך זיין אויסנוצען עס פאר א קריטישער אפהאנדלונג. דערצו איז דא נאך א זאך וואס צווינגט אונז צו זיין זעהר פארזיכטיג ביים פארעפענטליכען באריכטען וועגען דעם קאמף — און דאס איז דער געדאנק וועגען די געפאנגענע, וואס געפינען זיך אין די טורמעס פון די עסטרייכישע פאשיסטען. עס האבען זיך אבער געפונען איינצעלנע מיטגלידער פון דער פארטיי, וואס באמיהען זיך שוין צו ציהען די נויטיגע שלוסען פון דעם ווינער אויפשטאנד. אזוי האט ע מ י ל פ ר א נ צ ע ל פארעפענטליכט א בראשורע „דער בירגער־קריג אין עסטרייך", אין וועלכער ער פרואווט

---

*) דער ארטיקעל פון אטא באוער איז געשריבען געווארען נאך דעם ווי די בראשורע אין דייטשען אריגינאל איז שוין געווען אפגעדרוקט. — ארויסגעבער.

פעסטשטעלען די סיבות פון דער נידערלאַגע, וואָס דער שוצבונד האָט געליטען. דער באַזיס אבער, אויף וועלכען די אויספיהרונגען פון דער בראָשורע זיינען געבויט, שיינט מיר צו זיין פאַלש. איך פיהל דעריבער זיך געצוואונגען ארויסצוטרעטען געגען פּראָפעסער כדי אויסצומיידען, אז מען זאָל ציהען פאַלשע שלוסען פון דער עסטרייכישער ערפאַהרונג.

די גרונט־מאָטיווען פון דער עסטרייכישער פּאָליטיק

די פּאָליטישע סטראַטעגיע פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען איז געווען באַשטימט פון די פאָלגענדע אידעען: *אין א דעמאָקראַטישער רעפּובליק שטרעבען מיר צו ערא̈בערן פּאָליטישע מאַכט דורך געווינען די שטיצע פון א מערהייט פון דער באַפעלקערונג מיט דער הילף פון דעם געזעצליכען מעטאָד פון עלעקשאָן־באַלאָט. נאָר דאַן ווען דער פאַשיזם זוכט צוצונעמען ביי אונז די דעמאָקראַטישע מיטלען,* באַמיהען מיר זיך צו פאַרטיידיגען די ערא̈בערטע פּריוויהייטען דורך א פּאָליטישען קאַמף וואָס באַנוצט זיך מיט געוואַלדזאַמע מיטלען. איך פערזענליך האָב באַצייכענט די דאָזיגע לעהרע פון סאָציאַליסטישע האַנדלונג אַלס אזא „*וואָס באַנוצט זיך מיט געוואַלדטאַטען נאָר פאַר פאַרטיידיגונגס־צוועקען*“.

פראַנצעל אין זיין אויבענדערמאָנטען ביכעל טענה'ט, אז די דאָזיגע „פאַרטיידיגונגס־טעאָריע“ („דעפענסיווע אידעאָלאָגיע“) איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער נידערלאַגע פון די עסטרייכישע ארבייטער: זי האָט אויף אזוי פיל קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט פון די ארבייטער אויף טאַקטישע מיטלען פון א ריין דעפענסיווען (פאַרטיידיגונגס) כאַראַקטער, אז ווען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די שלאַכטען האָבען זיי זיך באַנוגענט מיט דעם, וואָס זיי האָבען פאַרטיידיגט זייערע היימען און דיסטריקטען אנשטאָט צו פיהרען א מעכטיגע אַטאַקע פון די ארבייטער באַטאַליאָנען אויף די צענטראַלע קוואַרטאַלען פון וויען — א טאַקטיק וואָס וואָלט געקענט ברייגנען א זיג פאַר די סאָציאַליסטישע קעמפער.

איך דענק, אז די דאָזיגע מיינונג איז געבויט אויף א מיספאַרשטענדניש. פראַנצעל האָט צוזאַמענגעמישט צוויי פאַרשיידענע

זאכען: פּאָליטישע סטראַטעגיק און מיליטערישע טאַקטיק.

פּראַנצעל דענקט, אז עס וואָלט געווען גאַנץ מעגליך מאָנטאג, דעם 12טען פעברואר, צווישען צוועלף און צוויי נאָכמיטאג, צו פאַרכאַפּען דעם צענטער פון שטאָט, וואו עס געפינען זיך די רעגירונגס־געביידעס, ווען א שוצבונד ארמיי פון צוויי ביז פיר טויזענט, גוט באוואפענט און באגלייט מיט די נויטיגע אטאָמאָבילען און טראָקס, פיהרט דורך אין צייט אזא מאַנעוורע. אבער, שרייבט פּראַנצעל, עס איז ניט געווען קיין צוזאמענגעשטעלטע שטענדיגע ארמיי פון צוויי טויזענט און עס איז ניט געווען קיין חשק פאַר א באלדיגער אטאַקע".

איז דאָס ווירקליך אזוי? וואָס איז דער אמת'ער אמת?

פריהער פון אלץ מוז מען האָבען אין זינען, אז קיינער האָט פאַראויס ניט באשטימט, אז דעם 12טען פעברואר זאָל אויסברעכען אן אויפשטאנד און אז קיינער האָט ניט ערוואַרטעט אָדער זאָגאר פאָראויסגעזעהן, אז פּונקט דעם טאָג וועט קומען צו אן אויפשטאנד. די באוואפענטע צוזאמענשטויסען אין לינץ, וואָס האָבען געבראכט צום ארבייטער אויפשטאנד אין ווין, זיינען געקומען אומערוואַרטעט. צוועלף אזייגער בייטאָג האָט דער סטרייק פון די עלעקטרישע סטיישאָנס אין ווין געגעבען דעם סיגנאַל פאַר דעם גענעראַל סטרייק, וואָס האָט געדינט אלס סיגנאַל פאַר דער מאָביליזירונג פון די מיטגלידער פון דעם סאָציאַליסטישען שוצבונד. עס זיינען ניט געווען קיין שוצבונד קאזארמעס, אין וועלכע די באוואפענטע מיטגלידער פון דעם שוצבונד זאָלען זיך קענען שטענדיג געפינען, גרייט צום קאַמף ווי נאָר דער רוף פון די פיהרער וועט אָנקומען

די לאַגע איז דאָן געווען אזא, דאָס אזעלכע שובונד קאזארמעס האָבען ניט געקענט זיין. צו מאָביליזירען די שוצבונד־מיטגלידער האָט דערפאַר געמוזט נעמען פיל לענגער ווי צו איבערגעבען אן אַלאַרם־רוף צו די שטענדיגע און אימער גרייטע קרעפטען פון דער רעגירונגס־מיליטער און פּאָליציי, וועלכע האָבען אויף שנעל זיך באמיהט אָפּצושניידען דעם שטאָט־צענטער פון די ארבייטער־קוואַרטאַלען. און ווען די שוצבונד־קעמפּפער האָבען זיך פאַרזאַמעלט, האָט מען זיי ערשט געדאַרפט באוואָרענען מיט געוועהר. דאָס איז אויך ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. די געוועהר און אמוניציע־סקלאַדען פון דעם שוצבונד זיינען אריינגעפאַלען אין די הענט פון דער ארבייטער באַוועגונג אין דער רעוואָלוציע פון 1918, און אין די שלאַכטען פאַר בורגערלאַנד (אָ גרעניץ־פּראָווינץ לעבען אונגאַרן) אין 1920. אז די ארבייטער זאָל זיך איינגעבען צו באהאַלטען די דאָזיגע געוועהר־

סקלאַדען גאַנצע 13—15 יאָהר; אז זייערע געהיימע פלעצער זאָלען פאַרבלייבען אַ סעקרעט ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פּאָליציי האָט זינט 1927 געהאַלטען אין איין זוכען זיי; און אַז דאָס געוועהר אין די אונטערערדישע סקלאַדען זאָלען פון די ארבייטער געהאַלטען ווערען אין גוטע ארבייטס־אָרדנונג — איז איינע פון די מערקוויר־דיגסטע אויפטואונגען פון די מיטגלידער פון שוצבונד. עס האָט דאָך אָבער גלייכצייטיג געמיינט, אַז זעהר ווייניג מענשען האָבען געקענט וויסען וואו די אַמוניציע־סקלאַדען זיינען באַגראָבען אדער פאַרמויערט אין די ווענט. און דערפאַר איז געווען אומפאַרמיידליך, אַז דאָס באַוואַפענען פון די שוצבונד סאָלדאַטען זאָל נעמען עטליכע שטונדען. צו דער צייט ווען די מאָביליזאַציע און באַוואַפענונג פון די ארבייטער איז פאַרענדיגט געוואָרען, האָבען שוין שטאַרקע מיליטערישע קרעפ־טען ארומגערינגעלט די צענטראַלע קוואַרטאַלען פון שטאָט און אָפּגע־שניטען זיי פון די אַרומיגע פּראָלעטאַרישע קוואַרטאַלען.

עס איז געווען אונמעגליך אָנצופאַנגען די שלאַכטען פריהער פון פינף אזייגער נאָכמיטאָג — און 5 אזייגער האָבען זיי זיך אָנגעפאַנגען.

די פראַגע, וואָס מען דאַרף איצט באַטראַכטען איז פאַרוואָס האָט זיך דער קאַמף פאַרוואַנדעלט אין אַ לאָקאַלען גערוואַנגעל פאַר איינ־צעלנע ארבייטער קוואַרטאַלען, מעהרסטענס די גרויסע בלאָקס פון ארבייטער היימען, וואָס די סאָציאַליסטישע שטאָט־רעגירונג פון וויען האָט אויפגעבויט?

אין אַ צאָהל פאַלען האָט די פּאָליציי אַטאַקירט די מיטגלידער פון דעם שוצבונד נאָך איידער זייער מאָביליזירונג און באַוואַפנונג איז פאַרענדיגט געוואָרען. אין אַזוינע פאַלען איז פון אָנפאַנג אָן אויסגעקומען צו קאָנצענטרירען די שוצבונד כחות אויף צו באַשיצען די גרויסע בלאָקס ארבייטער־היימען.

דער פאַרזוך צו פאַרכאַפּן די רעגירונגס־געביידעס

אין אנדערע פאַלען איז די לאַגע געווען אינגאַנצען פאַרשידען. די פּלענער וואָס די מיליטערישע לידער פון דעם סאָציאַליסטישען שוצבונד האָבען פאַראויס אויסגעארבייט פאַר דעם מאָמענט, ווען עס וועט זיין נויטיג צו פאַרטיידיגען מיט געוועהר די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, האָבען זיך אין קיין פאַל ניט באַנוגענט מיט דער באַ־שיצונג פון די ארבייטער קוואַרטאַלען, ווער רעדט שוין וועגען די מוניציפּאַלע היימען פון די ארבייטער. יעדער סאָלדאַט וויים, אַז די

בעסטע פּאַרטיידיגונג איז אַן אַטאַקע, אין אַנדערע ווערטער — אַז אַ סטראַטעגיש דעפענסיווע אַקציע מוז דורכגעפיהרט ווערען מיט דער הילף פון אָפענסיווע טאַקטיקס — און די מיליטערישע ספּעציאַליסטען פון דעם שוצבונד האָבען נאַטירליך גוט געוואוסט פון דעם געזעץ פון קריגס־קונסט. פראַנצעל מאַכט אַ טעות ווען ער רעדט זיך איין, אַז מען האָט צוגעוועהנט די מיטגלידער פון שוצבונד צו פּאַרטיידיגונגס־טאַקטיקס. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי קענען געווינען נאָר ווען זיי וועלען אַטאַקירען. און דעריבער טאַקע האָט זיך 5 אזייגער נאָכמי־טאָג, מאָנטאַג, דעם 12טען פעברואַר, אָנגעפאַנגען אַן אַלגעמיינע אַטאַקע אויף די צענטראַלע קוואַרטאַלען פון שטאָט, אָנגעפיהרט פון די ארומיגע ארבייטער קוואַרטאַלען. אבער די אַלע אַטאַקעס זיינען צוריקגעשטויסען געוואָרען. די ארבייטער האָבען די דאָזיגע ערשטע שלאַכטען פאַרלאָרען. און נאָר ווען זיי זיינען געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען, האָבען די שוצבונד קעמפער זיך פאַרבאַריקאַדירט אין די גרויסע בלאָקס פון די מוניציפּאַלע ארבייטער היימען.

פאַרוואָס האָט זיך די אַטאַקע ניט איינגעגעבען ?

פאַרוואָס האָט זיך דער אַנגריף פון שוצבונד ניט איינגעגעבען ? אום צו קענען ווי געהעריג פאַרשטעהן דעם ענטפער, מוזען די לעזער זיך פאָרשטעלען וואָס עס מיינט היינטיגע צייטען אַ גאַס־אַטאַקע אין אַ גרויסער שטאָט געגען אַ מיליטערישער פּאָזיציע, וואָס איז באַשיצט מיט אַ סך מאַשין־ביקסען. אזאַ אַטאַקע איז פיל שווערער ווי ווען זי ווערט געמאַכט אין אַן אָפענעם פעלד, ווייל די אַנגרייפער האָבען ניט די מעגליכקייט אריינצוגראָבען זיך אין דער ערד אָדער אַנדערש ווי געהעריג באַשיצען די פּאָזיציע. דערצו העלפען נאָך די ברוקירטע גאַסען די סאָלדאַטען דורך דעם, וואָס זייערע קוילען שפּרינגען אָפּ פון די שטיינער און מאַכען דעם פייער טויטליכער אפילו דאַן ווען די קוילען טרעפען ניט דירעקט די אַטאַקירער, די ארבייטער. אַז אָפענע אַטאַקע (פון רעוואָלוציאָנערען) געגען מאַשין־ביקסען אויף אַ ברוקיר־טער גאַס קען נאָר דאַן זיך איינגעבען, ווען אַן ארטילערישער קאַנאָנען־פייער האָט פריהער צוגעגרייט די אַטאַקע, פאַרניכטענדיג אָדער צו־שמעטערענדיג די מאַשין־ביקס נעסטען.

די שוצבונד מיטגלידער האָבען קיין קאַנאָנען ניט געהאַט. אין דעם פאַל האָט זיך זייער אַנגריף געקענט איינגעבען נאָר דאַן, ווען זיי וואָלט געלונגען צו פאַרגעהן דעם שונא פון אַ זייט אדער פון הינטען און פון דאָרט איהם אַטאַקירען. מוז מען אָבער האָבען אין זינען, אַז

אין דער געדיכטער נעץ פון גאסען פון א גרויסער שטאט פארערט אזא אטאקע אן אויסערגעוועהנליך גרויסע צאהל אנטיילנעמער, א פיל, פיל גרעסערע ווי זייערע פיינט, די רעגירונגס־סאלדאטען, האבען פארמאגט. און אזא איבערגעוויכט אין מיליטערישע קרעפטען האט דער שוצבונד ניט געהאט. די רעגירונגס־סאלדאטען האבען דעריבער געקענט אין יעדען איינצעלנעם פאל אפטיילען גענוג סאלדאטען אויף צו באשיצען זייערע זייטען („פלענקס“) און פון הינטען („ריער“).

דאס זיינען די אמת׳ע אורזאכען פארוואס דער פארזוך פון שוצ־בונד איבערצוגעהן צו אן אנגריף, צו אן אפענסיווע, און פארכאפען דעם צענטער פון שטאט מיט איהרע רעגירונגס געביידעס, האט זיך ניט איינגעגעבען.

עס איז דעריבער א גרויסער אומרעכט צו באשולדיגען אונזערע העלדישע קעמפער אין מאנגעל פון אנגריף־מוטה. מיט העלדישען אנגריף־גייסט אליין קען מען ניט פאנגען קיין מאשין־ביקס נעסטען. מען מוז אויך צוגרייטען פריהער די אטאקעס מיט ארטילערישען פייער, מיט קאנאנען. און קיין קאנאנען האבען די ווינער ארבייטער, ווי שוין געזאגט, ניט געהאט.

עס איז אויך אן אומרעכט צו באשולדיגען די סאציאל־דעמאקרא־טישע באוועגונג פון עסטרייך אין אפשוואכען דעם אנגריף־גייסט פון די פראלעטארישע שטורם־סאלדאטען, די שוצבונדיסטען, מיט איהר צו מעסיגער פראגראם. מיר האבען געוואוסט וועגען דער גרויסער געפאהר פון קעמפען געגען מיליטערישע קרעפטען, וואס זיינען ניט אפגעשוואכט געווארען דורך א נידערלאגע אין א פרישער מלחמה. און דערפאר האבען מיר געלערנט די ארבייטער צו נעמען זיך פאר שטארקע קאמפס־מיטלען נאר דאן ווען זייערע געגנער וועלען מאכען א פארזוך צוצונעמען ביי זיי די דעמאקראטישע קאמפס־מיטלען און ניט איבערלאזען זיי קיין אנדער אויסוועג ווי נאר ענטוועדער צו פאר־טיידיגען זיך מיט געוועהר אדער אונטערצוגעבען זיך צו די גרויזאמע אונטערדריקער אהן א ווידערשטאנד. מיר האבען אבער קיינמאל ניט געזאגט די מיטגלידער פון שוצבונד, אז ווען עס וועט קומען א צייט ווען א באוואפענטער קאמף וועט ווערען אומפארמיידליך, זאלען זיי זיך באנוגענען מיט א פארטיידיגונג און ניט איבערגעהן צו קיין אנגריף.

די אמת׳ע סיבות פון אונזער נידערלאגע ליגען דעריבער ניט אין אונזערע „פארטיידיגונגס־טעאריעס“, נאר אין דעם, וואס א זעהר גרויסער טייל פון דעם ארבייטער־קלאס איז געבליבען שטעהן אן א זייט ווען די מיטגלידער פון סאציאליסטישען שוצבונד האבען אנגע־

פיהרט זייער העלדישען קאמף. מיר האָבען אבער די גאנצע צייט געוואוסט, און ווידערהאָלט דאָס זעהר פיל מאָל, אז דער קאמף קען נאָר דאַן געוואונען ווערען, ווען אונזערע שונאים וועלען דורך אן אטאַקע אויף די פונדאמענטאלע רעכט פון די ארבייטער, אנצינדען אזא פייער פון צאָרן, האַס און מאסען-ליידענשאַפטען, אז די ברייט-סטע שיכטען פון דער ארבייטער באַפעלקערונג וועלען צושטעהן צום שוצבונד און קעמפען אין זיינע רייהען. און אַט די אידעע איז געווען אונזער שטארקסטער ארגומענט, אונזער וויכטיגסטער רינג אין דער „פארטיידיגונגס אידעאָלאָגיע“, גענען וועלכער פראנצעל טרעט דאָס איצט ארויס.